בעזהשי"ת

# קוּנְטְרֵס

# דִי זִיסְקַייט פוּן תְּמִימוּת

דוּרְךְ תְּמִימוּת קֶען מֶען הָאבְּן אַ זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן אוּן מַצְלִיחַ זַיין בַּיי יֶעדֶע זַאךְ, אָבֶער מִיט חָכְמוֹת אוּן לֵיצָנוּת וֶוערְט דִי לֶעבְּן בִּיטֶער אוּן שְׁוַוארְץ, ווארוּיל אִיז דֶעם וָואס לֶעבְּט זִיךְ אָפּ זַיין לֶעבְּן מִיט תְּמִימוּת, וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

פָּארְגֶעלֶערְנְט דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַּׁת הָרַב הַצַּדִיק מוֹהֲרָא"ש זי"ע

בְּשַׁלַּח תשע"ד

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אֲדוֹנֵינוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י

## קרן הדפסה
## היכל הקודש

2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# דִי זִיסְקֵייט פוּן תְּמִימוּת

## א.

### נִיסִים יֶעדֶע מִינוּט

הָאסְטוּ שׁוֹין אַמָאל אַרַיינְגֶעטְרַאכְט וִוי אַזוֹי דוּ לֶעבְּסְט? וִוי אַזוֹי עֶס אַרְבֶּעט דַיין קֶערְפֶּער? ווִיפִיל וואוּנְדֶער אוּן נִיסִים עֶס שְׁפִּילְט זִיךְ אָפּ בְּלוֹיז אִין דַיין קֶערְפֶּער אַלֵיין? אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל נָאר אַבִּיסְל אַרַיינְטְרַאכְטְן מִיט וָואסְפַארַא נִיסִים עֶר וֶוערְט בַּאגְלֵייט פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה אַ טָאג, וֶועט עֶר גְלַייךְ אָנְהוֹיבְּן דַאנְקְן אוּן לוֹיבְּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, מִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג בַּיי דִי בְּרָכָה פוּן אֲשֶׁר יָצַר, אַז אוֹיבּ זָאל זִיךְ פַארְמַאכְן אִין דִי קֶערְפֶּער עֶפֶּעס וָואס דַארְף זַיין אָפְן, אָדֶער זָאל זִיךְ עֶפֶענֶען עֶפֶּעס וָואס דַארְף זַיין פַארְמַאכְט, וָואלְט דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין עֶקְזִיסְטֶענְץ אֲפִילוּ אֵיין שָׁעָה. אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט וָואסְפַארַא נִיסִים עֶס גֶעשֶׁעהט מִיט אִים יֶעדֶע טָאג יֶעדֶע שָׁעָה אוּן יֶעדֶע רֶגַע, צוּ זֶען נִיסִים דַארְף מֶען הָאבְּן אַן עֶקְסְטֶערְן זְכוּת, וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (נִדָּה לא, ע״א): לְעוֹלָם אֲפִילוּ בַּעַל הַנֵּס אֵינוֹ מַכִּיר בְּנִסּוֹ – אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִיסִים וֵוייסְט דָאס נִישְׁט אוּן עֶר אַנֶערְקֶענְט דָאס נִישְׁט. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה, פַּרְשָׁה כד, א): דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַאפְן אִין הַאלְז אַזוֹי וִוי אַ קְוָואל, וָואס פוּן דֶעם קוּמְט אַרוֹיס דִי שְׁפֵּייעֶכְץ אוּן פַייכְטְקֵייט אִין מוֹיל, וֶוען נִישְׁט וָואלְט אַ מֶענְטְשׁ דֶערְשְׁטִיקְט גֶעוָוארְן וֶוען עֶר שְׁלִינְגְט עֶפֶּעס אַרָאפּ. וָואס דַארְף מֶען מֶער וִוי דָאס אָטֶעמֶען, יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע וָואס מֶען אָטֶעמְט אִיז דָאךְ גְרוֹיסֶע נִיסִים, נִישְׁט אוּמְזִיסְט זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע

חֲכָמִים (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יד, ט): עַל כָּל נְשִׁימָה וּנְשִׁימָה תְּהַלֵּל יָהּ – אוֹיף יֶעדְן אָטֶעם דַארְף מֶען דַאנְקְן אוּן לוֹיבְּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער. דִי טֶבַע פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַז עֶר טְרַאכְט נִישְׁט פוּן דֶעם אוּן גֶעדֶענְקְט נִישְׁט פוּן דֶעם, אָבֶער אֵיינְמָאל עֶר וֶועט אָנְהֵייבְּן אַיינְזֶען דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים, וֶועט עֶר אָנְהֵייבְּן דַאנְקְן אוּן לוֹיבְּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער.

### יְיַשֵׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִי נִיסִים

וָואס מֶער אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אֵיין דִי נִיסִים וְנִפְלָאוֹת וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער טוּט מִיט אִים, אַלְץ מֶער דַאנְקְט עֶר אוּן לוֹיבְּט עֶר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, וְוִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יַלְקוּט שְׁמוֹת פֶּרֶק טו, רֶמֶז רנד): אַ מֶענְטְשׁ וֶועט נִישְׁט זִינְגֶען שִׁירָה פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר אַז עֶר זֶעהְט אַ נֵס. כְּדֵי אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִינְגֶען דַאנְקְן אוּן לוֹיבְּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער מוּז זַיין אַז זַיינֶע אוֹיגְן הָאבְּן זִיךְ גֶעעֶפֶענְט, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זֶען דִי גוּטְסְקֵייט אוּן נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט מִיט אִים, דֶערְפַאר נָאכְדֶעם וָואס דֶער יַם הָאט זִיךְ גֶעשְׁפָּאלְטְן, אוּן דִי אִידְן הָאבְּן קְלָאר גֶעזֶען דֶעם סוֹף פוּן דִי מִצְרִיִים, הָאבְּן זֵיי גֶעזִינְגֶען שִׁירָה, זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (סַנְהֶדְרִין צא, ע״ב) אַז מֶען לֶערְנְט פוּן דָא אַרוֹיס תְּחִיַּת הַמֵּתִים; וַוייל וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן עֶס וֶועט זַיין תְּחִיַּת הַמֵּתִים וֶועט מֶען הֶערְשְׁט זִינְגֶען שִׁירָה מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע שִׂמְחָה, דֶערְפַאר הָאט זָאגְן שִׁירָה טַאקֶע אַזַא מוֹרָא׳דִיגְן כֹּחַ, וְוִי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין חֲזַ״ל (עַיֵּין זֹהַר בְּשַׁלַּח נד ע״ב, וּבְשׁוֹחֵר טוֹב תְּהִלִּים יח, וּשְׁמוֹת רַבָּה כד, ג; סֵפֶר חֲרֵדִים חֲתִימַת הַסֵּפֶר, פֶּרֶק עג), אַז וֶוען מֶען זָאגְט דִי שִׁירַת הַיָּם בַּיים דַאוֶוענֶען אוּן מֶען הָאט אִינְזִין וָואס מֶען זָאגְט, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת.

**אַ עֵצָה אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן קְלֶעם אוּן וֵוייטָאג**

גְעוֶוענְטְלִיךְ אַ מֶענְטְש הָאט נָאר טַעֲנוֹת אוֹיפ׳ן בַּאשֶׁעפֶער, יֶעדֶער מֶענְטְש גֵייט אַרוּם פַארְבִּיטֶערְט אוּן אוֹיפְגֶערֶעגְט, הֲיִתָּכֵן עֶס גֵייט אִים נִישְׁט פּוּנְקְטְלִיךְ וִוי עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט, עֶר הַאלְט זִיךְ אִין אֵיין בַּאקְלָאגְן אוֹיף זַיין מַצָּב, אִיךְ הָאבּ פַאר דִי מֶענְטְשְׁן זֵייעֶר אַ גוּטֶע עֵצָה וָואס וֶועט זֵיי הֶעלְפְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן זֵייעֶר קְלֶעם אוּן בִּיטֶערְנִישׁ, לֵיידֶער פֶעלְט נִישְׁט קַיין קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן, דִי שְׁפִּיטֶעלֶער זֶענֶען נֶעבֶּעךְ פוּל מִיט חוֹלֵי יִשְׂרָאֵל, דֶערִיבֶּער וָואלְט זֵייעֶר כְּדַאי גֶעוֶוען צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן בִּיקוּר חוֹלִים, אֵיינְמָאל אַ חוֹדֶשׁ אַרִיבֶּערְגֵיין אִין שְׁפִּיטָאל בַּאזוּכְן פַּאצִיעֶנְטְן, מֶען גֵייט דוּרְךְ אַלֶע שְׁטָאקְן אוּן אַלֶע צִימֶערְן וואוּ עֶס גֶעפוּנֶען זִיךְ אִידְן, מֶען פְרֶעגְט זִיךְ נָאךְ וָואס מֶען מַאכְט, וִוי אַזוֹי מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ, אוּן מֶען ווּאוּנְטְשְׁט אָן: דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ שִׁיקְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה בְּקָרוֹב; מֶען קֶען מִיט דֶעם מַמָּשׁ מְחַיֶּה זַיין אַ מֶענְטְשׁ, אַסַאךְ מָאל אִיז דָא קְרַאנְקֶע וָואס קֵיינֶער קוּמְט זֵיי נִישְׁט בַּאזוּכְן, צוּמָאל דַארְף עֶר עֶפֶּעס אַ קְלֵיינִיגְקֵייט, אוּן מִיט דַיין בַּאזוּךְ אוּן ווּאוּנְטְשְׁן הָאסְטוּ אִים גֶערַאטֶעוֶועט, דָאס גֵיין בַּאזוּכְן אִין שְׁפִּיטָאל הָאט צְוֵויי מוֹרָא׳דִיגֶע נוּצְן, עֶרְשְׁטֶענְס עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער מִצְוָה, אַזוֹי וַוייט אַז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (נְדָרִים מ, ע״א): כָּל מִי שֶׁאֵינוֹ מְבַקֵּר אֶת הַחוֹלֶה כְּאִילוּ שׁוֹפֵךְ דָמִים – וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט מְבַקֵּר חוֹלֶה אִיז וִוי עֶר פַארְגִיסְט בְּלוּט. אָבֶּער אוֹיסֶערְדֶעם הָאט עֶס אַ מוֹרָא׳דִיגֶער נוּצְן פַאר דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַזוֹיפִיל טַעֲנוֹת אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער, נָאכְדֶעם וָואס עֶר וֶועט נָאר אֵיינְמָאל דוּרְכְגֵיין דֶעם גַאנְצְן שְׁפִּיטָאל בַּיי אַלֶע אָפְּטֵיילוּנְגֶען פוּן אַלֶע סָארְטְן מַחְלוֹת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶר וֶועט דוּרְכְגֵיין בַּיי דִי קִינְדֶער אָפְּטֵיילוּנְג, וואוּ מֶען זֶעהְט נֶעבֶּעךְ יוּנְגֶע קִינְדֶער מִיט דִי בִּיטֶערֶע מַחֲלָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט אַרוֹיסְגֵיין אִינְדְרוֹיסְן אוּן

זָאגְן: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ דַארְף מֶער גָארְנִישְׁט, עֶס פֶעלְט מִיר גָארְנִישְׁט, אִיךְ דַאנְק דִיר אוּן אִיךְ לוֹיבּ דִיר אַז בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין נִישְׁט אוֹיף קַיין רֶעסְפֶּעְרֶעיטֶער, בָּרוּךְ הַשֵּׁם נִישְׁט אוֹיף אִינְטֶערְוִוינֶעס, בָּרוּךְ הַשֵּׁם מֶען גֶעבְּט מִיר נִישְׁט קַיין בְּלוּט, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אַלֶעס אַרְבֶּעט בַּיי מִיר...

**צוּבְרָאכְן הַארְץ אוּן עַצְבוּת הִימְל אוּן עֶרְד**

אַוַודַאי מֵיינְט דָאס נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער וָואס מֶען דַארְף, זִיכֶער דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ פַארֶענְטְפֶערְן אוּן זִיךְ אוֹיס׳טַעֲנָה׳נֶען מִיט שֵׁיינֶע תְּפִלּוֹת אוּן טַעֲנוֹת אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְן אוּן הֶעלְפְן, אָבֶער עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶער חִילּוּק וֶוען אֵיינֶער קוּמְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער מִיט אַ צוּבְרָאכְן הַארְץ, נָאכְדֶעם וָואס עֶס גֵייט אִים אַזוֹיפִיל אִיבֶּער, אוּן עֶר בֶּעט זִיךְ בַּיים בַּאשֶׁעפֶער עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן, וִוי אֵיינֶער וָואס אִיז אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן עֶר הָאט נָאר טַעֲנוֹת, דָאס אִיז צְוֵויי אַנְדֶערֶע זַאכְן אִינְגַאנְצְן, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָנִים מא, מב, רלא), אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ מִיט טְרוֹיעֶרִיגְקֵייט אִיז צְוֵויי בַּאזוּנְדֶערֶע זַאכְן, טְרוֹיעֶרִיג מֵיינְט אַז מֶען אִיז אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן בְּרוֹגֶז, מֶען בַּאקְלָאגְט זִיךְ אוּן מֶען הָאט נָאר טַעֲנוֹת אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער, דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז אִים אַלֶעס שׁוּלְדִיג, אוּן וִויפִיל מֶען גֶעבְּט אִים אִיז נִישְׁט גֶענוּג, אָבֶער אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ, אִיז וִוי אַ קִינְד גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן טַאטְן, עֶר קְלָאגְט אוּן וֵויינְט: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ בִּין אַזוֹי וַוייט פוּן דִיר וְכוּ׳. הָאבְּן אוּנְזֶערֶע לַייט דֶערְצֵיילְט, אַז וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵיי דָאס עֶרְקְלֶערְט הָאט עֶר זִיךְ אַלֵיין אוֹיסְגֶעדְרֵייט אוּן גֶעזָאגְט: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אוּן מֶען הָאט גֶעזֶען וִוי דֶער רֶבִּי אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגְן בֶּענְקְשַׁאפְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

## דֶעם רֶבִּינְ׳ס זַאךְ גֵייט נָאר מִיט תְּמִימוּת

אָבֶּער כְּדֵי אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זֶעהן כִּבְיָכוֹל דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער, שְׁפִּירְן דִי נִיסִים אוּן חֲסָדִים וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶּער טוּט מִיט אִים כְּסֵדֶר, זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער אוֹיף אַלֶע זַאכְן וָואס עֶר גֶעבְּט אִים, צוּ דֶעם פֶּעלְט זִיךְ אוֹיס אַ גֶעוַואלְדִיגְן תְּמִימוּת, בִּכְלַל קֶען מֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן אִין לֶעבְּן נָאר דוּרְךְ תְּמִימוּת, דֶער גַאנְצֶער סוֹד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶער טִיפֶער תְּמִימוּת וָואס אִיז שְׁוֶוער מַסְבִּיר צוּ זַיין פַאר מֶענְטְשְׁן (עַיֵין חַיֵי מוֹהֲרַ״ן סִימָן תקצג), אוּן וֶוער עֶס הָאט אִין זִיךְ אֲפִילוּ אַ טְרָאפְּל אֵייגֶענֶע שֵׂכֶל שְׁטֵייט שׁוֹין וַוייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (עַיֵין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן קכג), דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן בַּיי יֶעדֶע זַאךְ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, בַּיי יֶעדֶע עֵצָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, אַז מֶען לֵייגְט אִינְגַאנְצְן אַוֶועק דֶעם שֵׂכֶל, מֶען וַוייסְט אַז מֶען וַוייסְט גָארְנִישְׁט אוּן מֶען פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט, דֶעמָאלְטְס אִיז מֶען מוֹרָא׳דִיג מַצְלִיחַ, דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן י״ב), אַז דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז נָאר תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, דִי אַלֶע וָואס גֵייעֶן מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת קֶענֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט דִי אֱמוּנָה, זֵיי גֵייעֶן דוּרְךְ זֵייעֶר לֶעבְּן אָן זִיךְ אוֹיסְגְלִיטְשְׁן, ווייל זֵיי וֵוייסְן אַז זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט אוּן פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ, פַארְקֶערְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן דִי אַלֶע וָואס גֵייעֶן מִיט חָכְמוֹת, פַארְקְרִיכְן זֵייעֶר אַוֶועק, זֵיי וֶוערְן גְרוֹיסֶע אַפִּיקוֹרְסִים (עַיֵין שָׁם בִּפְנִים).

## דִי בִּיטֶערֶע לֶעבְּן פוּן אַ חָכָם

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַ לַאנְגֶע מַעֲשֶׂה (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט, מֵחָכָם וְתַּם), אָפְּגֶעשְׁפִּילְט אַ לֶעבְּן פוּן צְוֵויי מֶענְטְשְׁן, אֵיינֶער אַ חָכָם וָואס אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעגַאנְגֶען מִיט חָכְמוֹת, דוּרְכְדֶעם אִיז זַיין לֶעבְּן פַארְשְׁוַוארְצְט גֶעוָוארְן פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף, דֶער אַנְדֶערֶער אַ תָּם

וָואס אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעגַאנְגֶען מִיט תְּמִימוּת, דוּרְכְדֶעם אִיז עֶר גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ זַיין גַאנְץ לֶעבְן, עֶס הָאט אִים קֵיינְמָאל גָארְנִישְׁט גֶעפֶעלְט, אַלְץ אִיז עֶר גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, כָאטְשִׁיג עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ בלוּטִיגֶער אָרִימַאן, דָאךְ הָאט עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶעהַאט עֶסְן טְרוּנְקְן אוּן קְלֵיידוּנְג, מַמָשׁ וִוי דִי אִידְן אִין מִדְבָּר וָואס הָאבְן גֶעהַאט דֶעם בְּאֵר עָנָן מָן, אַז עֶר הָאט גֶעבֶעטְן זַיין וַוייבּ גֶעבּ מִיר פְלֵיישׁ, הָאט זִי אִים גֶעגֶעבְן אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט, אָדֶער גֶעבּ מִיר אַן אַנְדֶערֶע עֶסְן, הָאט זִי אִים וַוייטֶער גֶעגֶעבְן אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט, מֶער פוּן בְּרוֹיט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אִין שְׁטוּבּ, אָבֶער עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ מִיט דֶעם, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אִין דֶעם אַלֶע טַעֲמִים וָואס עֶר הָאט נָאר גֶעוָואלְט, אַזוֹי וִוי בַּיי דִי מָן.

**דִי זִיסֶע לֶעבְן פוּן אַ תָּם**

וִוידֶערְאוּם הָאט עֶר גֶעהַאט אֵיין פֶעלְץ זִיךְ אָנְצוּטוּן, אַז עֶר הָאט גֶעבֶעטְן זַיין וַוייבּ דֶעם טִילֶעפּ, הָאט זִי אִים גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם פֶעלְץ, אַז עֶר הָאט גֶעבֶעטְן דִי בֶּעקִיטְשֶׁע, הָאט זִי וַוייטֶער גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם פֶעלְץ, עֶר הָאט גֶעהַאט אַלֶע מִינֵי אָנְטוּעֶכְץ פוּן דֶעם אֵיינֶעם פֶעלְץ, פוּנְקְט וִוי דִי עָנָן הָאט אַרוּמְגֶענוּמֶען דִי אִידְן אִין מִדְבָּר, דִי זֶעלְבֶּע אַז עֶר הָאט גֶעבֶעטְן זַיין וַוייבּ אַבִּיסְל בִּיר, הָאט זִי אִים גֶעגֶעבְן אַ גְלָאז וַואסֶער, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: אֵיי וָואסְפַארַא גוּטֶער בִּיר דָאס אִיז! אוּן אַז עֶר הָאט גֶעבֶעטְן אַבִּיסְל וַויין, הָאט זִי אִים אוֹיךְ גֶעגֶעבְן וַואסֶער, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: אַזַא גֶעשְׁמַאקֶע וַויין! אַזוֹי יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט נָאר גֶעוָואלְט טְרִינְקְן הָאט עֶר אִין דֶעם גְלָאז וַואסֶער גֶעפִילְט דֶעם טַעַם, [אוּנְזֶערֶע לַייט רוּפְן אַ גְלָאז וַואסֶער ׳דֶעם תָּם׳ס בִּיר׳], זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז וֶוען אַ אִיד גֵייט מִיט תְּמִימוּת הָאט עֶר דִי אַלֶע דְרֵיי זַאכְן מָן, עֲנָנֵי הַכָּבוֹד, בְּאֵר, אַז מֶען הָאט תְּמִימוּת הָאט מֶען אַלֶעס.

### דִי גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן וֶוען מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן

דִי אַלֶע וָואס גֵייעֶן מִיט תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת הָאבְּן אַן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע הַצְלָחָה אִין לֶעבְּן, כָאטְשִׁיג אוֹיף זֵיי גֵייט אוֹיךְ אִיבֶּער וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער, אָבֶּער וִויבַּאלְד זֵיי הָאבְּן דִי הַקְדָּמוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן הָאבְּן זֵיי גָאר אַן אַנְדֶערֶע סָארְט הִתְחַזְקוּת, מֶען קֶען דָאס זֶען בְּחוּשׁ בַּיי צְוֵויי חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט צוּזַאמֶען אִין אֵיין חֵדֶר, אִין אֵיין יְשִׁיבָה, אִין אֵיין כּוֹלֵל, אָבֶּער נָאכְדֶעם וֶוען זֵיי צוּגֵייעֶן זִיךְ, לֶעבְּט אֵיינֶער אַ גֶעשְׁמַאקֶע בַּא׳טַעֲמְ׳טֶע לֶעבְּן, דֶער אַנְדֶערֶער אַ בִּיטֶערֶע אוּן שְׁוַוארְצֶע לֶעבְּן, וָואס אִיז דֶער חִילוּק? אֵיינֶער הָאט דִי הַקְדָּמוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוּן עֶר נוּצְט דָאס אִין לֶעבְּן, דֶער אַנְדֶערֶער נֶעבֶּעךְ הָאט נִישְׁט דִי הַקְדָּמוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, אָדֶער אֲפִילוּ אַז יָא נוּצְט עֶר דָאס נִישְׁט אִין לֶעבְּן, מִיט פַארְשִׁידֶענֶע חָכְמוֹת אוּן תֵּירוּצִים, וֶועגְן דֶעם גֵייט אִים דִי לֶעבְּן צוּגְרִינְד, וַוייל אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן לֶעבְּט מֶען אַ חַיִּים טוֹבִים, מֶען אִיז אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, מֶען אִיז פוּל מִיט דַאנְק אוּן לוֹיבּ צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ אִין לֶעבְּן.

### לֵיצָנוּת רַייסְט אוֹיס יֶעדֶע בִּיסְל גוּטְס

פַארְקֶערְט פוּן תְּמִימוּת אִיז לֵיצָנוּת, מִיט לֵיצָנוּת קֶען מֶען אַלֶעס אַוֶועקְמַאכְן, לֵיצָנוּת הָאט אַ אוֹיסְטֶערְלִישֶׁער כֹּחַ אַוֶועקְצוּרַייסְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן יֶעדֶע בִּיסְל גוּטְס, אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז פַארְקֶערְט פוּנֶעם פָּשׁוּטְ׳ן אֱמֶת.

### דִי אַיינְפְלוּס פוּן לֵיצָנוּת

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעשְׁמוּעֶסְט אִיבֶּער דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פוּן לֵיצָנוּת, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, אַז מִיט לֵיצָנוּת קֶען מֶען זָאגְן אוֹיף דֶעם הִימְל אַז עֶס

אִיז נִישְׁט קֵיין הִימְל, פוּן טָאג אַז עֶס אִיז נַאכְט, אוּן מֶענְטְשְׁן וֶועלְן דָאס אָנְנֶעמֶען; רֶעדְן אוּן אָפְּלַאכְן הָאט אַ מוֹרָא׳דִיגְן כֹּחַ צוּ בַּיי אֵיינְפְלוּסְן מֶענְטְשְׁן, אֲפִילוּ פַארְקֶערְט פוּנֶעם אֱמֶת׳ן מְצִיאוּת. נָאכְן גַאנְצְן שְׁמוּעֶס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פִּנְחָס׳ל אוֹיסְגֶעפִירְט: אִיר מֵיינְט אַז יֶעצְט זֶענְט אִיר שׁוֹין רֵיין פוּן לֵיצָנוּת? בַּאלְד וֶועט דֶער חַזָּן זִיךְ אַוֶועקְשְׁטֶעלְן דַאוֶוענֶען פַארְן עָמוּד, אוּן אַז עֶס וֶועט אֵיינֶעם נִישְׁט גֶעפֶעלְן דֶעם תְּנוּעָה אָדֶער דֶעם נִיגוּן, וֶועט מֶען שׁוֹין לַאכְן פוּנֶעם חַזָּן, אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען.

**מִיט לֵיצָנוּת אִיז אַלֶעס מֶעגְלִיךְ**

מִיר זֶעעֶן אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ וָואס עֶס בְּרֶענְגְט אַרוֹיס וואוּנְדֶער בַּיי יֶעדְן, נָאכְדֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְן מִיטְגֶעמַאכְט דִי בִּיטֶערֶע צָרוֹת אוּן יְסוּרִים אִין מִצְרַיִם [קֵיינֶער וֶועט דָאס נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין נָאר דִי וָואס הָאבְן מִיטְגֶעלֶעבְט דֶעם לַאגֶער בַּיים צְוֵוייטְן וֶועלְט מִלְחָמָה אוּנְטֶער דִי נַאצִיס יִמַּח שְׁמָם, וָואס מֶען הָאט זֵיי אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט אוּן אוֹיסְגֶעפְּלָאגְט, צוּ דֶעם הָאבְן זֵיי נָאךְ גֶעמוּזְט צַאמְקוּקְן וִויפִיל מֶענְטְשְׁן עֶס פַאלְן נֶעבֶעךְ אַוֶועק יֶעדְן טָאג, זֵיי וֶועלְן קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם], יֶעצְט וֶוען זֵיי זֶענֶען שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי נִישְׁט גֶעוָואלְט דוּרְכְפִירְן דִי לַאנְד פְּלִשְׁתִּים וַוייל עֶס אִיז נָאנְט צוּ מִצְרַיִם, אוּן פוּן דָארְט וָואלְטְן זֵיי צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען קֵיין מִצְרַיִם (שְׁמוֹת יג, יז. וְעַיֵּין בְּרַשִׁ״י). וִויאַזוֹי קֶען מֶען דָאס פַארְשְׁטֵיין? צוּרִיק אוֹיף מִצְרַיִם? יֶעצְט עֶנְדְלִיךְ וֶוען מֶען אִיז שׁוֹין אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, נָאכְן זֶען אַזֶעלְכֶע אוֹתוֹת וּמוֹפְתִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן? נָאר חֲזַ״ל זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה יט, ע״א) אַז דִי פְּלִשְׁתִּים זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע לֵיצָנִים, אֵיינְמָאל אַז עֶס אִיז דָא לֵיצָנוּת אִיז שׁוֹין גָארְנִישְׁט קֵיין קַשְׁיָא, מִיט לֵיצָנוּת אִיז אַלֶעס מֶעגְלִיךְ, דִי פְּלִשְׁתִּים מִיט זֵייעֶרֶע לֵיצָנוּת וָואלְטְן גֶעקֶענְט אָפְּלַאכְן אוּן

אַוֶועקְמַאכְן דִי אַלֶע מוֹרָא׳דִיגֶע אוֹתוֹת וּמוֹפְתִים וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזֶען מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן, זֵיי וָואלְטְן גֶעקֶענְט אָפְּלֵייקֶענֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין מַכּוֹת, קַיין פַּרְעֹה, גָארְנִישְׁט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען, אַזַא גֶעוַואלְדִיגֶער כֹּחַ הָאט לֵיצָנוּת.

## דֶער לֵץ דַארְף נִיטְאַמָאל רֶעדְן

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט נָאךְ פוּנֶעם בַּעַל-שֵׁם-טוֹב הַקָדוֹשׁ (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן קל״ג), אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז פוּל מִיט מוֹרָא׳דִיגֶע לֶעכְטִיגְקֵייטְן, נָאר דָאס קְלֵיינֶע הֶענְטֶעלֶע פַארְדֶעקְט אַלֶעס. הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אַמָאל זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע פְּשַׁט פוּן אַ פָּשׁוּטֶער אִיד, אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען אַמָאל הֶערְן אַזֶעלְכֶע מוֹרָא׳דִיגֶע וֶוערְטֶער, אַזֶעלְכֶע לֶעכְטִיגְקֵייטְן, אַז עֶר שְׁפִּירְט אָפְּן אוּן קְלָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז עֶר מַאכְט בַּיי זִיךְ אָפּ דָאס אִיז עֶס, אִיךְ וֶועל פוּן יֶעצְט אָנְהֵייבְּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, פוּן יֶעצְט אָן וֶועל אִיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ, פוּן יֶעצְט אָן וֶועל אִיךְ נָאר זֶען נִיסִים וְנִפְלָאוֹת, אָבֶּער ווִי נָאר עֶר גֵייט אַרוֹיס אִינְדְרוֹיסְן, טְרֶעפְט אִים אָן אַ חַבֵר אוּן עֶר פְרֶעגְט אִים: וואוּ בִּיסְטוּ גֶעוֶוען? עֶר עֶנְטְפֶערְט: דָארְט אוּן דָארְט! דֶער חַבֵר גֶעבְּט אַ מַאךְ אַוֶועק מִיט דִי הַאנְט, עֶר הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעדַארְפְט רֶעדְן, נָאר אַוֶועקְמַאכְן מִיט זַיין קְלֵיינֶע הֶענְטֶעלֶע, יֶעצְט אִיז בַּיי אִים שׁוֹין אוֹיסְגֶעלָאשְׁן אַלֶע לֶעכְטִיגְקֵייטְן וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט אוּן גֶעשְׁפִּירְט עֶטְלִיכֶע מִינוּט צוּרִיק, אֵיי וואוּ אִיז דַיין שֵׂכֶל? וֶוער אִיז עֶר אִינְגַאנְצְן?! אָבֶּער אַזוֹי גֵייט עֶס.

## לֵיצָנוּת אִיז דִי גְרֶעסְטֶע טוּמְאָה

לֵיצָנוּת אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶער קְלִיפָּה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, דֶער מְסִלַת יְשָׁרִים שְׁרַייבְּט (פֶּרֶק ה), אַז לֵיצָנוּת אִיז אַ פַאנְצֶער אַקֶעגְן יִרְאַת שָׁמַיִם, וָואס מֶען זָאל נָאר נִישְׁט אַרַיינְלֵייגְן אִין אַ מֶענְטְשׁ, אוֹיבּ אָבֶּער הָאט עֶר אִין

זיך די מִדָּה פון לֵיצָנוּת וועט גארנישט אַריינגיין אין אים. די הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יוֹמָא לח ע״ב): הַבָּא לְטַמֵּא פּוֹתְחִין לוֹ - אַז אֵיינֶער וויל זיך נֶעבֶּעך מְטַמֵּא מַאכְן, עֶפֶענְט מֶען אים פון הִימְל אַ טִיר און מֶען לָאזְט אִים, ווי דֶער פָּסוּק זָאגְט (מִשְׁלֵי ג, לד): אִם לַלֵּצִים הוּא יָלִיץ - אוֹיב ווילְסְטוּ גֵיין מִיט לֵצִים וֶועסְטוּ אוֹיךְ וֶוערְן אַ לֵץ. זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן (עַיֵּין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, סֵפֶר תּוֹרָה הֲלָכָה ג): מִיר זֶעעֶן אַז וֶוען חֲזַ״ל הָאבְּן גֶערֶעדְט פון אַרייְנְגֵיין אין די טוּמְאָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, הָאבְּן זֵיי פּוּנְקְט אָנְגֶעכַאפְּט אַ פָּסוּק וָואס רֶעדְט פון לֵיצָנוּת, וַוייל דֶער עִיקָּר טוּמְאָה אִיז לֵיצָנוּת, אַז אַ מֶענְטְשׁ לַאכְט אָפּ פון גוּטֶע און הֵיילִיגֶע זַאכְן דָארְט לִיגְט דֶער גְרֶעסְטֶער טוּמְאָה דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן.

### אַ לֵץ זָאגְט אוֹיס וואוּ שְׁמוּצִיג עֶר אִיז

אַז מֶען זָאל קוּקְן וֶוער עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען די לֵיצָנִים די פְּלִשְׁתִּים, וֶועט מֶען זֶען אַז זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע נוֹאֲפִים (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פָּרָשָׁה לז, ה; וּבְרַשִׁ״י בְּרֵאשִׁית י, יד), זֵיי זֶענֶען רַחֲמָנָא לִיצְלָן גֶעוֶוען מוֹרָא׳דִיג שְׁמוּצִיג מִיט נִיאוּף. דֶערְפַאר אַז אֵיינֶער מַאכְט לֵיצָנוּת דַארְף מֶען ווִיסְן אַז עֶר אִיז אַ פְּשׁוּט׳עֶר נוֹאֵף, אֲפִילוּ עֶר זֶעט אוֹיס ווִי וֶוער וֵוייסְט וָואס, דַארְף מֶען גוּט ווִיסְן וֶוער עֶר אִיז, און זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פון אִים.

## ב.

### נָאר דוּרְךְ תְּמִימוּת רֶעדְט מֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער

בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִיז דֶער עִיקָּר יְסוֹד תְּמִימוּת, כְּדֵי אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל אָנְנֶעמֶען די עֵצוֹת פון הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן מוּז עֶר זַיין אַ תָּמִים, סְפֶּעצִיעֶל בַּיי די זַאךְ פון תְּפִלָּה און הִתְבּוֹדְדוּת, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אָוֶועקְשְׁטֶעלְן און רֶעדְן צוּם

בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף אִידִיש (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן כה), צוּ דֶעם מוּז מֶען הָאבְּן אַוֶועקְגֶעלֵייגְט אִינְגַאנְצְן דֶעם שֵׂכֶל, וַוייל אַז מֶען נוּצְט דֶעם שֵׂכֶל, קוּמְט אַרַיין קַשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת אִין קָאפּ: צוּ וֶועמֶען רֶעדְסְטוּ? מֶען הֶערְט דִיךְ דֶען אוֹיס? וָואס בֶּאֱמֶת לִיגְט אִין דֶעם רַחֲמָנָא לִיצְלָן כְּפִירוֹת, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן ס"ב): פַארְוָואס רֶעדְט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ צוּם בַּאשֶׁעפֶער? וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעהַאט דִי רִיכְטִיגֶע אֱמוּנָה אַז ׳מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ׳, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט דָא מִיט אִים בַּיי אִים נֶעבְּן אִים, וָואלְט עֶר דָאךְ גֶערֶעדְט צוּ אִים. יֶעצְט פַארְוָואס טַאקֶע הָאט עֶר נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה? וַוייל אֱמוּנָה אִיז פַארְבִּינְדְן מִיט תְּמִימוּת, אֱמוּנָה מִיט תְּמִימוּת גֵייט צוּזַאמֶען עֶס אִיז אֵיין זַאךְ, דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית א, א): בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים אֶת הַשָּׁמַיִם וְאֶת הָאָרֶץ. אֶ"ת אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אֱ׳מוּנָה תְּ׳מִימוּת, אֱ׳מוּנָה תְּ׳פִלָּה, אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט הָאבְּן קַיין קִיוּם סַיי בְּרוּחָנִיוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיוּת נָאר דוּרְךְ אֱמוּנָה אוּן תְּפִלָּה, אֱמוּנָה אוּן תְּמִימוּת, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֵייגְט אַוֶועק דֶעם שֵׂכֶל אוּן גְלֵייבְּט מִיט תְּמִימוּת דֶעמָאלְטְס קֶען עֶר אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן.

### וֶועם דַארְף מֶען מְקַנֵּא זַיין?

עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין בְּרֶסְלֶב אַ אִיד וָואס עֶר פְלֶעגְט זָאגְן זֵייעֶר אַסַאךְ, עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעדַאוֶוענְט, נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַסַאךְ תְּחִנּוֹת מַעֲמָדוֹת אוּן תְּהִלִּים וְכוּ׳, דֶער רֶבִּי הָאט אִים מוֹרָא׳דִיג אוֹיסְגֶערִימְט, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אִיךְ בִּין מְקַנֵּא דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר קֶען אַזוֹי אַסַאךְ זָאגְן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תקכ). פַארְוָואס? וַוייל מֶען מוּז בַּיי דֶעם הָאבְּן אַ מוֹרָא׳דִיגְן תְּמִימוּת, גְלֵייבְּן מִיט אַן אֱמֶת׳ן אֱמוּנָה אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, אוּן וָואס אִיךְ דַארְף הָאבְּן בֶּעט אִיךְ אִים אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, דֶערְפַאר צוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת דַארְף מֶען דֶער

עִיקָר אַ מוֹרָא׳דִיגְן תְּמִימוּת, אוּן נָאר דַאן קֶען מֶען אָנְקוּמֶען צוּם שְׁלֵימוּת, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן קנד): פַּארְוָואס אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ זַיין זַאךְ? וַוייל עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט אַזוֹי וִוי אַ פְּרָאסְטַאק, דָאס הֵייסְט עֶר הָאט גֶערֶעדְט אוּן גֶערֶעדְט אַסַאךְ צוּם בַּאשֶׁעפֶער וִוי אַ פָּשׁוּטְ׳עֶר מֶענְטְשׁ.

**דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אַ פֶּעלְד...**

פַּארְוָואס הָאט אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט קַיין הִתְבּוֹדְדוּת, וַוייל עֶר לֵייגְט צוּ חָכְמוֹת, צוּם בֵּיישְׁפִּיל אַז עֶס קוּמְט אִים אַרַיין אַן הִתְעוֹרְרוּת צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, טְרַאכְט עֶר אַז עֶר דַארְף יֶעצְט פָארְן אִין פֶּעלְד מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, דָארְטְן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן אַפָּאר שָׁעָה דָאס הַארְץ פַּארְן בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶער וָואס גֶעשֶׁעהט? בִּיז עֶר פָארְט אוּן עֶר קוּמְט שׁוֹין אָן אִין פֶּעלְד, הָאט עֶר שׁוֹין לַאנְג פַּארְלוֹירְן דֶעם חֵשֶׁק אוּן אַפֶּעטִיט וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, יֶעצְט וֵוייסְט עֶר שׁוֹין נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן קכד), אַז אוֹיף דֶעם פְּלַאץ וואוּ עֶס כַאפְּט דֶעם מֶענְטְשׁ אַן הִתְעוֹרְרוּת, דָארְט זָאל עֶר בְּלַייבְּן שְׁטֵיין אוּן דָארְט זָאל עֶר רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, וַוייל אֵיינְמָאל עֶר וֶועט אַוֶועקְגֵיין פוּן דָארְט וֶועט דִי הִתְעוֹרְרוּת אוֹיךְ אַוֶועקְגֵיין. דֶער אֱמֶת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִיז צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער וואוּ מֶען גֶעפִוּנְט זִיךְ נָאר, אוֹיבּ ווִילְסְטוּ דַוְקָא אַ פֶּעלְד, קֶענְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְמְשָׁלְ׳ן וִוי דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אֵיין גְרוֹיסֶער פֶּעלְד אֵיין גְרוֹיסֶער וַואלְד, אוּן דוּ קֶענְסְט שׁוֹין אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

**רֶעד צוּם בַּאשֶׁעפֶער וואוּ דוּ בִּיסְט**

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעצוֹיגְן אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט אֵיינֶעם, צוּ עֶס אִיז דָא עֶרְגֶעץ דָא אִין שְׁטָאט אַ גוּט פְּלַאץ פַאר הִתְבּוֹדְדוּת? הָאט דֶער אִיד גֶעזָאגְט: יָא רֶבִּי, אִינְדְרוֹיסְן פוּן

שְׁטָאט אִיז דָא אַ בַּארְג, אִינְמִיטְן דֶעם בַּארְג אִיז דָא אַ הֵייל, דָארְט אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע פְּלַאץ. קֶענְסְטוּ מִיר וַוייזְן וואוּ דָאס אִיז? זָאגְט עֶר: עֶס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן דָא! זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי: וואוּ וַוייט אִיז פוּן מוֹיל בִּיז צוּם הַארְץ?! וִוי אֵיינֶער זָאגְט, מֶען קֶען שׁוֹין יֶעצְט אָנְהֵייבְּן צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אִינְצְווִישְׁן שְׁפַּאצִירְט מֶען אוֹיךְ אַהִין (עַיֵּין פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק אוֹת שצד); אַז אַ אִיד הָאט דִי רִיכְטִיגֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער, וֶועט עֶר רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער וואוּ עֶר אִיז נָאר, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי חָשׁוּב עֶס אִיז אִין הִימְל אֲפִילוּ אֵיין וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע וָוארְט אִיז מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב אִין הִימְל, וַוייל וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער צִיעֶט מֶען אַרוֹיף אוֹיף זִיךְ דִי הֵיילִיגֶע שְׁכִינָה, דָאס הֵייסְט מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא מִיט מִיר, אוּן וָואס מֶער מֶען רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַלְץ מֶער שְׁפִּירְט מֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער.

### פוּן דַיין בְּלָאטֶע רֶעד צוּם בַּאשֶׁעפֶער

רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער הָאט נִישְׁט צוּטוּן וֶוער מֶען אִיז אוּן וִוי אַזוֹי מֶען קוּקְט אוֹיס, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז רַחֲמָנָא לִיצְלָן דוּרְךְ אוּן דוּרְךְ טָמֵא, עֶר טְרַאכְט צוּ זִיךְ "אִיךְ בִּין דָאךְ אַזוֹי וַוייט פוּן בַּאשֶׁעפֶער וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ רֶעדְן צוּ אִים"? דָאךְ זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: אִיךְ בִּין מִיט דִיר! וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (וַיִּקְרָא טז, טז): הַשּׁוֹכֵן אִתָּם בְּתוֹךְ טֻמְאוֹתָם - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִידְן אֲפִילוּ אִין דִי טוּמְאָה (עַיֵּין שָׁם בְּרַשִׁ"י). אֲפִילוּ אִין דִי טוּמְאָה דָארְט אִיז אוֹיךְ כִּבְיָכוֹל דֶער בַּאשֶׁעפֶער, וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (עַיֵּין שַׁבָּת סז): פַארְוָואס הָאט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַנְטְפְּלֶעקְט צוּ מֹשֶׁה רַבֵּנוּ אִין אַ דָארְן בּוֹים? צוּ וַוייזְן אַז אֲפִילוּ אִין אַ טְרוּקֶענֶער דָארְן, וָואס שְׁטֶעכְט נָאר וֶוער עֶס כַאפְּט עֶס אָן, דָארְטְן אִיז אוֹיךְ דֶער בַּאשֶׁעפֶער. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז

אִיבֶּערָאל, יֶעדֶער אִיד קֶען צוּרִיקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן רֶעדְן צוּ אִים, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיךְ בַּאוַוייזְן צוּ אִים, אֵיין זַאךְ דַארְף עֶר נָאר הָאבְּן תְּמִימוּת.

### ג.

### נָאר מִיט תְּמִימוּת וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין צוּ לֶערְנֶען

צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה קֶען מֶען אוֹיךְ נָאר מַצְלִיחַ זַיין דוּרְךְ תְּמִימוּת, אַז אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אָן מִיט תְּמִימוּת דֶעם ׳סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד׳ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וֶועט עֶר מוֹרָא׳דִיג מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן, עֶר וֶועט וֶוערְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶוער עֶר אִיז וָואס עֶר אִיז אוּן וָואסְפַארַא קָאפּ עֶר הָאט, אַז עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ״י מִיטְן תַּרְגוּם, וֶועט עֶר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטֶענְ׳ס הִילְף בִּיז פְּרַייטָאג עֶנְדִיגְן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה, אָבֶּער אַז עֶר מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן דֶעם, אַז דָאס הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט וְכוּ׳, בַּיים סוֹף לָאזְט זִיךְ אוֹיס אַז עֶר אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה, עֶר הָאט מִיט זַיין לֵיצָנוּת קֵיינֶעם נִישְׁט אָפְּגֶעטוּן נָאר זִיךְ אַלֵיין, קֵיינֶער אִין דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעזָארְגְט מִיט זַיין לֶעבְּן, מֶען זֶעט מֶענְטְשְׁן מַאכְן לֵיי״ף אִינְשׁוּרֶענְ״ס, אָבֶּער אוֹיפְן לֶעבְּן אַלֵיין אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם פַארְזִיכֶערוּנְג, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט ווִילַאנְג עֶר וֶועט דָא זַיין, דֶערְפַאר וֶוען אַ אִיד לֵייגְט זִיךְ אַרָאפּ שְׁלָאפְן דַארְף עֶר לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אוּן ווִיסְן אַז דָאס אִיז זַיין לֶעצְטֶער קְרִיאַת שְׁמַע אִין לֶעבְּן, דַאן וֶועט עֶר דָאס זָאגְן מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע כַּוָונָה, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט עֶר אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אִינְדֶערְפְרִי וֶועט עֶר זָאגְן גָאר אַן אַנְדֶערֶער מוֹדֶה אֲנִי, אַ פְרֵיילִיכֶער מוֹדֶה אֲנִי, פוּל מִיט דַאנְק צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אַז עֶר הָאט אִים צוּרִיקְגֶעגֶעבְּן דִי נְשָׁמָה, אַז עֶר הָאט אִים גֶעשָׁאנְקְן נָאךְ אַ טָאג אוֹיף דֶער וֶועלְט, דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (וַיְחִי דַף רכ ע״א): דִי

אַמָאלִיגֶע חֲסִידִים הָאבְּן זִיךְ יֶעדְן טָאג בַּאטְרַאכְט וִוי הַיינְט אִיז זֵייעֶר לֶעצְטֶער טָאג. וֶוען אַ אִיד וֵוייסְט אַז הַיינְט אִיז זַיין לֶעצְטֶער טָאג, פִירְט עֶר זִיךְ גָאר אַנְדֶערְשׁ אוֹיף, אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶר הָאט שׁוֹין אַן אַנְדֶער קוּק אִין לֶעבְּן, עֶר הֵייבְּט אָן אַבִּיסְל טְרַאכְטְן אֱמֶת׳דִיג: וָואס וֶועל אִיךְ עֶנְטְפֶערְן וֶוען אִיךְ קוּם אַרוֹיף אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, אוּן דֶער שׁוֹמֵר הַפֶּתַח וֶועט פְרֶעגְן (עַיֵּין תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה פֶּרֶק א): וואוּ זֶענֶען דִי פְּסוּקִים וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט! דִי מִשְׁנַיוֹת וָואס דוּ הָאסְט גֶע׳חַזֶר׳ט! אוּן אַזוֹי וַוייטֶער... וָואס וֶועל אִיךְ אִים דֶעמָאלְטְס עֶנְטְפֶערְן?!

### אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין קָאפּ צוּ לֶערְנֶען

דֶער אֱמֶת אִיז וֶוער וויל דֶען נִישְׁט לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת? וֶוער ווִיל דֶען נִישְׁט לֶערְנֶען גְמָרָא? יֶעדֶער אִיד ווִיל לֶערְנֶען תּוֹרָה, יֶעדֶער אִיד ווִיל שְׁפִּירְן דֶעם גֶעשְׁמַאק פוּן קֶענֶען זִיצְן אוּן לֶערְנֶען גְמָרָא מִיט אַ חַיוּת, דֶער עִיקָר פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל פַארְשְׁטֵייט מֶען נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, דִי מְצִיאוּת אִיז אַז רוֹב מָאל אַרְבֶּעט נִישְׁט דֶער קָאפּ גֶעהֶעריִג, אַוַודַאי מִיט גוּטֶע תֵּירוּצִים, וִויבַּאלְד עֶס גֵייט קֵיינֶעם נִישְׁט גְרִינְג אוֹיף דֶער וֶועלְט, יֶעדֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ, דֶער מִיט פַּרְנָסָה, דֶער מִיט קִינְדֶער, דֶער אִיז סְתָּם אַזוֹי פַארְיָאגְט, אָבֶּער וָואס דֶער תֵּירוּץ זָאל נָאר נִישְׁט זַיין אִיז דֶער קָאפּ אִין פַּאקְט נִישְׁטָא, וָואס דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער גוֹרֵם אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן נִישְׁט לֶערְנֶען אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין גֶעפִיל צוּ לֶערְנֶען, דֶערְפַאר קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּן גֶעבְּט אוּנְז אַ גְרִינְגֶע וֶועג צוּ לֶערְנֶען, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן עו), אַז דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט מֶער וִוי זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה. יֶעצְט אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן, עֶר הֵייבְּט אָן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת אִין אַ רַייעֶ בִּיז עֶר עֶנְדִיגְט גַאנְץ מִשְׁנַיוֹת, קֶען עֶר אַזוֹי עֶנְדִיגְן צֶענְדְלִיגֶער מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, עֶר קֶען מַצְלִיחַ

זיין צו דורכשפאצירן גאנץ ש״ס גמרא א שיינע פאר מאל, ער האט נישט וואס זאל אים אפשטעלן, ער זאגט די הייליגע תורה ווערטער מיט א חיות און א געשמאק ביז ער ענדיגט איינמאל, דאן הייבט ער אן נאכאמאל, אזוי ווייטער נאכאמאל און נאכאמאל אגאנץ לעבן.

## זאג אפילו דו ווייסט נישט וואס דו זאגסט

באמת ווערט דער געדאנק שוין געברענגט אין חז״ל, די גמרא זאגט (עבודה זרה יט, ע״א): לעולם ליגריס איניש אף על גב דלא ידע מאי קאמר – א מענטש זאל אייביג זאגן תורה כאטש ער האט נישט קיין אנונג וואס ער זאגט. אויך דער זהר הקדוש זאגט (קדושים דף פ״ה ע״ב): אית מאן דלעי באורייתא ומגמגם בה בגמגומא דלא ידע וכו׳ – עס איז דא ווער עס פלאגט זיך צו לערנען, ער פארשטייט אבער נישט, ער שטאלפערט זיך און ער קען נישט געהעריג זאגן, דאך פון די ווערטער אליין וואס ער זאגט האט דער אייבערשטער א מורא׳דיגע שמחה, דער אייבערשטער פלאנצט דערפון איין שיינע ערבות ביימער וכו׳ (עיין לקוטי מוהר״ן חלק א׳ סימן עד). וואס איז טאקע דער אויפטו פון זאגן אויב מען פארשטייט גארנישט וואס מען לערנט? זענען מסביר די מפרשים אויף די גמרא (החיד״א בספרו פתח עינים; חידושי מהר״ל על אגדת חז״ל), אז די לעכטיגקייט פון די הייליגע תורה ווערטער איז א מורא׳דיגער סגולה צו הייליגן און ריינערן דעם מענטש, דאס אליין וועט אים ברענגען אז ער זאל ביים סוף פארשטיין.

## אביסל חומש, משניות, גמרא יעדן טאג

אז א מענטש געוואוינט זיך צו, אפצוזאגן יעדן טאג א דף גמרא, זעט ער מיט די צייט אז ער האט נישט אזא שוואכן קאפ, דא דארט כאפט

עֶר אוֹיף גֶענוּג אוּן נָאךְ זַאכְן וָואס עֶר פַארְשְׁטֵייט, אָבֶער אֲפִילוּ אַז מֶען זָאל זָאגְן אַז אֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט טַאקֶע גָארְנִישְׁט, דַארְף עֶר דָאךְ פוּן דֶעם אַלֵיין מַאכְן אַ קְלָארְן חֶשְׁבּוֹן, אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט עֶפֶּענֶען יֶעדְן טָאג דֶעם חוּמָשׁ דִי מִשְׁנַיוֹת דִי גְמָרָא אוּן זָאגְן אַבִּיסְל, וֶועל אִיךְ דָאךְ בְּלַייבְּן נַאקֶעט פוּן אַלֶעס, דִי צַייט בְּלַייבְּט נִישְׁט שְׁטֵיין, עֶס גֵייט אַוֶועק אַ טָאג נָאךְ אַ טָאג אַ נַאכְט נָאךְ אַ נַאכְט, אַ וָואךְ נָאךְ אַ וָואךְ אַ חוֹדֶשׁ נָאךְ אַ חוֹדֶשׁ אַ יָאר נָאךְ אַ יָאר, אַז מֶען מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן דֶעם רֶבִּי׳נְס דֶרֶךְ הַלִימוּד דֶערְזֶעט מֶען זִיךְ אָן מִקְרָא אָן מִשְׁנָה אָן גְמָרָא, ווִידֶער דֶער וֶוער עֶס הָאט יָא אָנְגֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער מִיטְן גַאנְצְן תְּמִימוּת הָאט עֶר שׁוֹין ווִיפִיל מָאל מְסַיֵים גֶעוֶוען דִי אַלֶע זַאכְן.

### שַׁ״ס הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל!

לֶעצְטֶענְס הָאב אִיךְ זֵייעֶר מְעוֹרֵר גֶעוֶוען אִינְגֶע בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן נֶעמֶען אֵיין מַסֶכְתָּא אוּן דָאס אִיבֶּערְ׳חַזְרְ׳ן הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, דֶערְנָאךְ נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא, אַזוֹי אֵיין מַסֶכְתָּא נָאכְן אַנְדֶערְן דָאס פָּשׁוּט זָאגְן אוּן חַזֶרְ׳ן הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, דֶער אוֹיפְטוּ דֶערְפוּן אִיז אַז דוּרְכְדֶעם גֶעדֶענְקְן זֵיי בָּרוּךְ הַשֵּׁם אָן אַ שִׁיעוּר מַאֲמָרֵי חֲזַ״ל, אוּן אַז אֵיינֶער טוּט דָאס מִיט תְּמִימוּת וֵוייסְט אִיר וָואס עֶס פַּאסִירְט? בִּיז אַפָּאר יָאר עֶנְדִיגְט עֶר גַאנְץ שַׁ״ס הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל!!! אַז מֶען זָאגְט עֶס פַאר מֶענְטְשְׁן קוּקְט דָאס זֵיי אוֹיס ווִי עֶפֶּעס אַ וִויץ צוּ לַאכְן, ווִי קֶען דָאס זַיין? עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין יְרוּשָׁלַיִם אַ גְרוֹיסֶער גָאוֹן רֶבִּי זֶעלִיג רְאוּבֵן בֶּענְגִיס זצ״ל בַּעַל ׳לִפְלַגוֹת רְאוּבֵן׳, אוֹיף אִים זָאגְט מֶען אַז עֶר הָאט מְסַיֵים גֶעוֶוען בְּמֶשֶׁךְ זַיין לֶעבְן הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל שַׁ״ס, אָבֶער אַז אַ פָּשׁוּטֶער בָּחוּר זָאל זוֹכֶה זַיין דֶערְצוּ? יָא! אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן מִיט תְּמִימוּת קֶען דָאס אֲפִילוּ אַ פָּשׁוּטֶער בָּחוּר וָואס מֵיינְט עֶס עֶרְנְסְט בַּאוַוייזְן.

**דֶער גְרוֹיסֶער גָאוֹן זָאגְט שַ״ס**

דֶער גְרוֹיסֶער גָאוֹן רֶבִּי יוֹסֵף עֶנְגְל זצוק״ל הָאט גֶעזָאגְט (מוּבָא בְּתוֹלְדוֹתָיו), אַז פַאר עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין גְמָרָא אוּן מַסְבִּיר זַיין גְמָרָא, וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן מְחַדֵּשׁ זַיין אִין דִי גְמָרָא, הָאט עֶר קוֹדֶם דוּרְכְגֶעזָאגְט פֶערְצִיג מָאל שַ״ס אָן רַשִׁ״י אָן תּוֹסְפוֹת! צוּ דֶעם מוּז מֶען אָבֶּער הָאבְּן אַ מוֹרָא׳דִיגְן תְּמִימוּת, וַוייל אַז דוּ נוּצְט חָכְמָה וֶועסְטוּ הָאבְּן אַזַא פָּנִים וְוִי אַלֶע אַנְדֶערֶע וָואס זֶעעֶן אוֹיךְ אוֹיס פֵיינֶע אִינְגֶעלַייט, עֶר קֶען אֲפִילוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט אַלֶע שְׁמוֹנָה בְּגָדִים, אָבֶּער אִינֶעוֵוייניג אִיז דָאס אַ לֵיידִיגֶע כֵּלִי, נִישְׁטָא דָארְט קַיין מִשְׁנַיוֹת, קַיין גְמָרָא, קַיין מֶדְרָשׁ, נִיטְאַמָאל דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי וָואךְ שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם אִיז דָא דָארְט, אָפְּגֶערֶעדְט פוּן נָאךְ אַנְדֶערֶע לִימוּדִים, אָבֶּער אַז אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּן פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן ״עוֹלָמְךָ תִּרְאֶה בְּחַיֶּיךָ״, זַיין לֶעבְּן וֶוערְט דָאךְ זִיס אוּן גֶעשְׁמַאק, עֶר פִּילְט שׁוֹין יֶעצְט דֶעם טַעַם פוּן עוֹלָם הַבָּא, אוּן אַז אֵיינֶער מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן דֶעם מֶעג עֶר זִיךְ אֲפִילוּ רוּפְן אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר, אִיז עֶר נִישְׁט מֶער וְוִי אַ פָּשׁוּטְ׳עֶר לֵץ, אוּן מֶען דַארְף אִינְגַאנְצְן נִישְׁט וֶוערְן אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן אִים.

**דֶער גוֹי וָואס אִיז אַ עֶכְטֶער בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר**

וֶוען אִיךְ בִּין דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל גֶעפָארְן צוּזַאמֶען מִיט נָאךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין דִי שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶעוִויזְן אוֹיף אַן עָרֵל אוּן גֶעזָאגְט: דֶער עָרֵל אִיז בֶּאֱמֶת אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר, עֶר אִיז נָאךְ מֶער בְּרֶסְלֶב פוּן אוּנְז וַוייל עֶר וואוֹינְט דָאךְ מַמָּשׁ אִין בְּרֶסְלֶב... לֵיידֶער קֶען מֶען זַיין אִין בְּרֶסְלֶב אוּן זַיין פוּל מִיט לֵצָנוּת, וַוייל אוֹיבּ בִּיסְטוּ נִישְׁט מְקַיֵּים דֶעם רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער אִיז דָאס שׁוֹין לֵיצָנוּת, דֶערְפַאר דַארְף מֶען אוֹיף דֶעם זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן, גוּט גֶעדֶענְקְן אַז דֶעם רֶבִּינְ׳ס זַאךְ מִיט לֵצָנוּת גֵייט נִישְׁט צוּזַאמֶען, וְוִי חֲזַ״ל זָאגְן אוֹיךְ (עַיֵּין שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה

פַּרְשָׁה א, פָּסוּק ג): בִּיז דוּ בֶּעטְסְט עֶס זָאל אַרַיינְגֵיין אִין דִיר תּוֹרָה בֶּעט עֶס זָאל נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין דִיר לֵיצָנוּת; אַ מֶענְטְשׁ קֶען רַחֲמָנָא לִיצְלָן זֵייעֶר מַחְלִישׁ דַּעַת זַיין אַ צְוֵוייטְן, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ פוּן לֵצִים זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְן.

ד.

### אֱמוּנָה מַאכְט לֶעכְטִיג פַארְן מֶענְטְשׁ

וה׳ הוֹלֵךְ לִפְנֵיהֶם וגו׳. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעפִירְט דִי אִידְן בַּייטָאג מִיט אַ וָואלְקְן זוֹיל, זֵיי זָאלְן וִויסְן וואוּ צוּ גֵיין, אוּן בַּיינַאכְט מִיט אַ פֵייעֶר זוֹיל, עֶס זָאל זֵיי לֶעכְטִיג מַאכְן אוּן שַׁיינֶען (שְׁמוֹת יג, כא). אַז אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ אֱמוּנָה לַייכְט אִים שְׁטֶענְדִיג, עֶר שְׁפִּירְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט מִיט אִים, וַוייל אֲפִילוּ וִוי טוּנְקְל אוּן פוּנְסְטֶער עֶס זָאל נָאר נִישְׁט זַיין, אָבֶּער ווִיבַּאלְד עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ אִינֶעם פוּנְסְטֶערְנִישׁ, דָארְט אִיז עֶר זִיךְ מְחַזֵק מִיט דִי אֱמוּנָה, אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, דֶעמָאלְטְס שַׁיינְט אִים אוֹיף אַ גֶעוַואלְדִיגֶער לֶעכְטִיגְקֵייט, עֶר הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן וִוי דֶער בַּאשֶׁעפֶער נֶעמְט אִים אַרוּם, דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז בַּיי אִים מִיט אִים נֶעבְן אִים.

### עֶס קֶען נִישְׁט זַיין נָאר לִיכְטִיג

אָבֶּער שְׁטֶענְדִיג קֶען דָאךְ נִישְׁט לַייכְטְן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית א, ה): וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר יוֹם אֶחָד; אַ טָאג אִיז צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן צְוֵויי חֲלָקִים, קוֹדֶם אִיז נַאכְט נָאכְדֶעם וֶוערְט טָאג, אַזוֹי אִיז עֶס אַ גַאנְצֶער טָאג, יֶעדְן טָאג אִיז קוֹדֶם פִינְסְטֶער אוּן נָאכְדֶעם לִיכְטִיג, דֶערְנָאךְ וֶוערְט וַוייטֶער פִינְסְטֶער אוּן נָאכְאַמָאל לֶעכְטִיג, אַזוֹי גֵייט דֶער לֶעבְן (עַיֵין שַׁבָּת עז ע״ב; זֹהַר תְּצַוֶּה קפד ע״א), וַוייל אַ הֲנָאָה וָואס מֶען הָאט אַ גַאנְצֶע

צַייט אָן אוֹיפְהֶערְ וֶוערְט דָאס אוֹיס הֲנָאָה, עֶס פַארְלִירְט דֶעם טַעַם, "תַּעֲנוּג תְּמִידִי אֵינוֹ תַּעֲנוּג" (עַיֵּין תּוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף פָּרָשַׁת תַּזְרִיעַ), וֶוען עֶס זָאל זַיין נָאר לֶעכְטִיג וָואלְט אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט אַנֶערְקֶענְט דִי שֵׁיינְקֵייט אוּן חֲשִׁיבוּת פוּן לִיכְטִיגְקֵייט, וִוי דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (תַּזְרִיעַ דַּף מז ע"ב), וֶוען נִישְׁט עֶס זָאל זַיין מְשׁוּגָּעִים אוּן טִפְּשִׁים וָואלְט מֶען נִישְׁט אַנֶערְקֶענְט דִי חֲשִׁיבוּת אוּן דִי מַעֲלָה פוּן דִי קְלוּגֶע, אָבֶער אַז אִיךְ זֶע אַ טִפֵּשׁ וָואס עֶר וֵוייסְט נֶעבֶעךְ נִישְׁט פוּן זַיין לֶעבְן צוּ זָאגְן, דֶעמָאלְטְס שְׁטֶעלְט זִיךְ אַרוֹיס דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן אֵיינֶער וָואס וֵוייסְט יָא, עֶר קֶען יָא, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וֶוען עֶס אִיז קוֹדֶם פִינְסְטֶער אוּן נָאכְדֶעם וֶוערְט לֶעכְטִיג, שְׁפִּירְט מֶען זֵייעֶר גוּט דִי אוֹיפְטוּ פוּן לִיכְטִיגְקֵייט, אַז עֶס גֵייט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ דוּרְךְ אַ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע צָרָה, נָאכְדֶעם הֶעלְפְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶר גֵייט אַרוֹיס פוּן דֶעם, דֶעמָאלְטְס אַנֶערְקֶענְט עֶר דִי חֲסָדִים פוּן בַּאשֶׁעפֶער, דֶעמָאלְטְס וֵוייסְט עֶר צוּ דַאנְקְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער.

**וֶוענְד זִיךְ צוּם בַּאשֶׁעפֶער יֶעדְן טָאג פְרִישׁ**

אָבֶער דָאס חַזֶר'ט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אִיבֶּער, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג צוּקוּמֶען צוּ פְרִישֶׁע חֲסָדִים פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי אַרוּם וֶוענְדְט עֶר זִיךְ נָאכְאַמָאל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעט אִים וָואס עֶר דַארְף, צוּם בֵּיישְׁפִּיל אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעגֶעסְן נֶעכְטְן, דַאנְקְט עֶר טַאקֶע דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, עֶר זָאגְט דִי נָאךְ בְּרָכָה וָואס מֶען דַארְף, בִּפְרַט אַז עֶר הָאט גֶעגֶעסְן בְּרוֹיט, בֶּענְטְשְׁט עֶר בִּרְכַּת הַמָּזוֹן וָואס דָאס אִיז אַ מִצְוָה פוּן דִי תּוֹרָה, מִיט דֶעם דַאנְקְט עֶר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז עֶר הָאט אִים גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן, אָבֶער הַיינְט אִיז אַ פְרִישֶׁער טָאג, הַיינְט דַארְף עֶר שׁוֹין וַוייטֶער צוּ עֶסְן, עֶר דַארְף שׁוֹין וַוייטֶער אַ נֵס עֶר זָאל הָאבְן צוּ עֶסְן, עֶר זָאל קֶענֶען שְׁפַּייזְן זִיךְ אוּן דִי מִשְׁפָּחָה, דָאס מַאכְט אַז עֶר זָאל יֶעדֶע מָאל פְרִישׁ קוּמֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן אִים בֶּעטְן, דֶערִיבֶּער בַּיי

דִי מָן הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיךְ גֶעמַאכְט אַז עֶס זָאל פַאלְן נָאר פַאר אֵיין טָאג, יֶעדְן טָאג הָאט מֶען גֶעדַארְפְט פְּרִישׁ אַרוֹיסְגֵיין קְלוֹיבְּן דִי מָן, פַארְוָואס טַאקֶע הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער נִישְׁט גֶעגֶעבְּן אֵיינְמָאל פַארְן גַאנְצְן יָאר? עֶרְקְלֶערְט דָאס דֶער מֶדְרָשׁ (עַיֵּין מְכִילְתָּא דְרַשְׁבִּ״י בְּשַׁלַּח טז, ד) מִיט אַ מָשָׁל, אַ מֶלֶךְ הָאט זִיךְ בַּארֶעכְנְט אוּן גֶעגֶעבְּן זַיין זוּן אַ גְרוֹיסֶע סוּמֶע גֶעלְט, גֶענוּג אוֹיף וָואס עֶר דַארְף פַאר אַ גַאנְץ יָאר, אַזוֹי דַארְף עֶר נִישְׁט יֶעדְן טָאג קוּמֶען פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ פַאר זַיין גֶעלְט, וָואס אִיז אָבֶּער גֶעשֶׁעהְן? פְּלוּצְלִינְג קֶען שׁוֹין דֶער זוּן מֶער נִישְׁט דֶעם טַאטְן, מֶען זֶעט אִים נִישְׁט פַאר דִי אוֹיגְן, אֵיינְמָאל אַ יָאר [פַאטֶערְ״ס דֶע״י] וָוען עֶר דַארְף זַיין גֶעלְט קוּמְט עֶר צוּם טַאטְן, הָאט דֶער טַאטֶע בַּאשְׁלָאסְן, אִיךְ וֶועל אִים גֶעבְּן נָאר פַאר אֵיין טָאג, אַזוֹי וֶועט עֶר יֶעדְן טָאג מוּזְן קוּמֶען זִיךְ בַּאוַוייזְן דָאס פָּנִים; דִי זֶעלְבֶּע אִיז גֶעוֶוען בַּיי דִי מָן, דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל יֶעדְן טָאג אַרוֹיסְקוּקְן צוּ אִים, מֶען זָאל יֶעדְן טָאג מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר עֶסְן, וִוי מִיר גֶעפִינֶען טַאקֶע אַז וָוען דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזֶען אַז שַׁבָּת אִיז נִישְׁט גֶעפַאלְן קַיין מָן, זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן דֶערְשְׁרָאקְן אַז אֶפְשָׁר גֵייט מֶער נִישְׁט פַאלְן דֶער מָן, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זֵיי גֶעדַארְפְט בַּארוּאִיגְן, אַז נָאר שַׁבָּת פַאלְט נִישְׁט, מֶען דַארְף עֶסְן דִי מָן פוּן נֶעכְטְן, אָבֶּער מָארְגְן וֶועט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטֶענְס הִילְף וַוייטֶער פַאלְן (עַיֵּין רַשִׁ״י שְׁמוֹת טז, כה). בַּיים בַּאשֶׁעפֶער אִיז דֶער עִיקָר תְּפִלָּה, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ שְׁטֶענְדִיג וֶוענְדְן צוּ אִים, אוּן אִים בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף, דָאס זֶעעֶן מִיר אוֹיךְ בַּיי דִי וָואלְקְן וָואס הָאט אַרוּמְגֶענוּמֶען דִי אִידְן, בַּיינַאכְט הָאט טַאקֶע גֶעלָאכְטְן דֶער פַייעֶר זוֹיל, אָבֶּער וִוִיבַּאלְד עֶס קֶען דָאךְ נִישְׁט שְׁטֶענְדִיג לַייכְטְן, אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען דֶער פַייעֶר זוֹיל, יֶעצְט אִיז שׁוֹין דָא דֶער וָואלְקְן זוֹיל, אָבֶּער דֶערְנָאךְ הָאט זֵיי וַוייטֶער אוֹיפְגֶעשַׁיינְט, אַזוֹי גֵייט דֶער לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ כְּדֵי עֶר זָאל שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק קוּמֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן אִים בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ.

## ה.

## עֶס קוּמְט צוּרִיק מַיינֶע אַלְטֶע נִסְיוֹנוֹת

נָאךְ אַפָּאר טֶעג גֵיין אִין מִדְבָּר, פְּלוּצְלִינְג זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עֶר זָאל הֵייסְן דִי אִידְן צוּרִיקְגֵיין צוּ דִי זַייט פוּן מִצְרַיִם, אַזוֹי וֶועט פַּרְעֹה זָאגְן אַז דִי אִידְן בְּלָאנְדְשְׁן אוּן וַוייסְן נִישְׁט וואוּ צוּ גֵיין, וֶועט עֶר פוּן פְרִישׁ נָאכְיָאגְן דִי אִידְן וְכוּ׳ (שְׁמוֹת יד, ב-ג). וָואס זָעעֶן מִיר דָא, אַז עֶנְדְלִיךְ וֶוען דִי אִידְן לוֹיפְן שׁוֹין אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, הֵייסְט זֵיי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּרִיקְגֵיין, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן (לִקוּטֵי הֲלָכוֹת, בִּרְכַּת הַפֵּרוֹת הֲלָכָה ה, אוֹת ו), דָאס לֶערְנְט אוּנְז, אַז אַזוֹי גֵייט עֶס וֶוען אֵיינֶער וִויל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, קוֹדֶם לוֹיפְט עֶר טַאקֶע אַרוֹיס פוּן דִי טוּמְאָה מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגְן בְּרֶען, אָבֶער נָאכְדֶעם גֶעבְּט זִיךְ אִים פְּלוּצְלִינְג אַ לֶעשׁ אוֹיס דֶער גַאנְצֶער בְּרֶען, עֶס הֵייבְּט אִים אָן גֵיין פוּנְקְט פַארְקֶערְט, עֶר פַאלְט צוּרִיק עֶר הָאט וַוייטֶער אַלֶע נִסְיוֹנוֹת פוּנְקְט וִוי פְרִיעֶר, פוּן דֶעם בַּאקוּמְט עֶר אַ מוֹרָא׳דִיגֶער חֲלִישׁוּת הַדַעַת, אָבֶער דֶער אֱמֶת אִיז אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג דֶערְהַאלְטְן, גָארְנִישְׁט טָאר אִים נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן, וִוי מִיר זָעעֶן דָא בַּיי יְצִיאַת מִצְרַיִם, אַז דִי אִידְן הָאבְּן גֶעפָּאלְגְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן זֶענֶען צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען, כָאטְשִׁיג עֶס אִיז זֵיי גֶעוֶוען זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט, אָבֶער אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אַזוֹי גֶעהֵייסְן הָאבְּן זֵיי אַזוֹי גֶעטוּן, פוּן דֶעם זֶעט מֶען דִי טֵייעֶרְקֵייט פוּן אִידְן (רַשִׁ״י שָׁם, פָּסוּק ד).

## ו.

## אִיךְ וִויל הֶערְן דַיין זִיסֶער קוֹל

פְּלוּצְלִינְג בַּאמֶערְקְן זֵיי אַז דִי מִצְרִיִּים לוֹיפְן זֵיי נָאךְ, הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה פַּרְשָׁה כא, ה)

״וּפַרְעֹה הִקְרִיב״, פַּרְעֹה הָאט זֵיי נָאנְט גֶעבְּרֶענְגְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, נָאר דוּרְכְדֶעם וָואס פַּרְעֹה הָאט זֵיי נָאכְגֶעיָאגְט זֶענֶען זֵיי אַנְטְלָאפְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, פוּן דֶעם לֶערְנֶען מִיר אַ מוֹרָא׳דִיגֶע זַאךְ, אַז אַמָאל גֵייט דוּרְךְ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אַ גְרוֹיסֶע צָרָה בִּיז עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶס אִיז עֶק וֶועלְט, אָבֶער אִין אֱמֶת׳ען קוּמְט דִי גַאנְצֶע צָרָה נָאר וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל עֶר זָאל מִתְפַּלֵל זַיין צוּ אִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל הֶערְן זַיין קוֹל, זֶען וִוי עֶר קוּמְט צוּרִיק צוּ אִים, וִוי דֶער מֶדְרָשׁ (שָׁם; וְעַיֵּין תַּנְחוּמָא שׁוֹפְטִים יג) טַייטְשְׁט אוֹיס דֶעם פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ב, יד): יוֹנָתִי בְּחַגְוֵי הַסֶּלַע וְגוֹ׳, הַרְאִינִי אֶת מַרְאַיִךְ הַשְׁמִיעִינִי אֶת קוֹלֵךְ - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בֶּעט פוּן אַ אִיד, לָאז מִיךְ זֶען דַיין גֶעשְׁטַאלְט, לָאז מִיךְ הֶערְן דַיין קוֹל; כִּי קוֹלֵךְ עָרֵב וּמַרְאֵיךְ נָאוֶה - וַוייל דַיין קוֹל אִיז זִיס אוּן אַנְגֶענֶעם, אוּן דַיין גֶעשְׁטַאלְט אִיז שֵׁיין. בִּשְׁעַת דִי אִידְן זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ טוֹיבּ, וָואס וִויל זִיךְ רַאטֶעוֶועןן פוּן דֶעם וִוילְדְן רָאבּ-פוֹיגְל ׳נֵץ׳ וָואס לָאקֶערְט אִיר צוּ פַאְרְצִיקְן, דֶערִיבֶּער וִויל זִי אַרַיינְגֵיין צְוִוישְׁן דִי שְׁמָאלֶע שְׁפַּאלְטֶענְס פוּנֶעם פֶעלְזְן שְׁטֵיין, אָבֶער פְּלוּצְלִינְג קוּמְט אַרוֹיס פוּן דָארְט אַ שְׁלַאנְג, יֶעצְט אִיז זִי אִין אַ פַארְלֶעגְנְהֵייט, אַרַיינְגֵיין קֶען זִי נִישְׁט צוּלִיבּ דֶעם שְׁלַאנְג, אִינְדְרוֹיסְן וִויל דֶער וִוילְדֶער פוֹיגְל אִיר נָאר כַאפְּן, אוֹיף דִי פַארְצְוֵוייפְלְטֶע מִינוּט אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט ׳הַרְאִינִי אֶת מַרְאַיִךְ׳ וְכוּ׳, לָאז מִיךְ זֶען וִוי שֵׁיין דוּ דֶערְהַאלְטְסְט זִיךְ, לָאז מִיךְ הֶערְן דַיין זִיס קוֹל וִוי דוּ בֶּעטְסְט מִיר; דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ זֶענֶען דִי אִידְן גֶעוֶוען אַרוּמְגֶענוּמֶען פוּן אַלֶע זַייטְן, פָארְנְט הָאט גֶעשְׁטוּרֶעמְט דֶער יַם, פוּן אוּנְטְן הָאט זֵיי דֶער פַיינְט גֶעיָאגְט, בַּיי דִי זַייטְן דִי פַארְצִיקֶענְדֶע חַיוֹת פוּן מִדְבָּר, דֶעמָאלְטְס הָאבְּן זֵיי אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר אוֹיגְן צוּם טַאטְן אִין הִימְל אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט אַ יְשׁוּעָה.

**פַּארְלִיר זִיךְ נִישְׁט אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע צַייטְן**

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף וִויסְן, אַז אֲפִילוּ אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע בִּיטֶערְסְטֶע מַצָּבִים וָואס עֶס גֵייט אִים דוּרְךְ אִין לֶעבְּן טָאר עֶר זִיךְ נִישְׁט פַּארְלִירְן, קֵיינֶער פוּן אוּנְז אִיז נִישְׁט רֵיין פוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן צָרוֹת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אַוַודַאי אָפְּהִיטְן מִיר זָאלְן נִישְׁט קוּמֶען צוּ קַיין נִסְיוֹנוֹת, אָבֶּער לֵיידֶער אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נִסְיוֹנוֹת, אִין פַּאקְט הָאט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ נִסְיוֹנוֹת, וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (פְּסָחִים קיח ע"א): דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְּרָאבִּירְט אוֹיס יֶעדְן מֶענְטְשׁ אוֹיף זַיין וֶועג, דֶעם עוֹשֶׁר מִיט זַיין קוּ, דֶעם אָרִימַאן מִיט זַיין צִיגֶעלֶע, דֶעם יָתוֹם מִיט זַיין אֵיי, אוּן אַן אַלְמָנָה מִיט אִיר הִינְדְל; דָאס הֵייסְט אַז יֶעדְן מֶענְטְשׁ פְּרָאבִּירְט מֶען אוֹיס אוֹיף זַיין אוֹפָן, צוּ זֶען וִוי אַזוֹי עֶר וֶועט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן.

**דִי עֲשִׁירוּת אַרוֹיסְגֶערִינֶען פוּן אוּנְטֶער דִי הַאנְט**

דִי וֶועלְט זָאגְט אַ וֶוערְטְל, אַז אַן אַלְטֶע אִידֶענֶע הָאט אַמָאל גֶעהַאט אַן אֵיי, הָאט זִי גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן מִיט אִירֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ וִוי אַזוֹי זִי וֶועט פוּן דֶעם אֵיינֶעם אֵיי נָאךְ וֶוערְן זֵייעֶר רַייךְ, אוּן זִי וֶועט זֵיי שְׁטִיצְן מִיט אַסַאךְ גֶעלְט וְכוּ', וִוי אַזוֹי? מֶען וֶועט לֵייגְן דִי אֵיי בַּיי אַ הִינְדְל פוּן אַ שָׁכֵן צוּ אָנְוַוארֶעמֶען, וֶועט פוּן דֶעם אַרוֹיסְקוּמֶען אַן אֶפְרוֹחַ, דֶער אֶפְרוֹחַ וֶועט גְרוֹיס וֶוערְן וֶועט שׁוֹין זַיין אַ הָאן מִיט אַ הִינְדְל, עֶס וֶועט לֵייגְן נָאךְ אֵייעֶר, פוּן דִי אַלֶע אֵייעֶר וֶועט זַיין נָאךְ אֶפְרוֹחִים, בִּיז מִיר וֶועלְן הָאבְּן אַגַאנְצֶע טְשֶׁערְדֶע פוּן הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזֶענְטֶער הִינֶער, מֶען וֶועט דָאס פַּארְקוֹיפְן וֶועט מֶען קוֹיפְן פוּן דֶעם צִיגְן, פוּן דִי צִיגְן וֶועט מֶען נָאכְדֶעם קוֹיפְן קִיעֶן, פוּן דִי קִיעֶן וֶועט מֶען מַאכְן קֶעז מִיט פוּטֶער אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, וֶועלְן מִיר פוּן דֶעם הָאבְּן אַ רִיזִיגֶע עֲשִׁירוּת, אַזוֹי מַאכְנְדִיג דִי אַלֶע שֵׁיינֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת אִיז פְּלוּצְלִינְג דֶער אֵיי אַרוֹיסְגֶעפַאלְן פוּן דִי הַאנְט אוּן עֶס

הָאט זִיךְ צֶעבְּרָאכְן, יֶעצְט אִיז דִי גַאנְצֶע עֲשִׁירוּת אַרוֹיסְגֶערִינֶען פוּן אוּנְטֶער דִי הַאנְט...

**דִי עֲשִׁירוּת וָואס בְּלַייבְּט**

עֶס קוּקְט אוֹיס ווִי אַ שֵׁיינֶע וֶוערְטְל, אָבֶער לַיידֶער קוּמְט דָאס פָאר בַּיי יֶעדֶע מֶענְטְשׁ, יֶעדֶער מִיט זַיין דִמְיוֹן, אַ מֶענְטְשׁ דְרֵייט זִיךְ אַרוּם מִיט גַאנְצֶע פְּלֶענֶער וָואסְפַארַא גְרוֹיסֶע בִּיזְנֶעס אָדֶער פַאבְּרִיקְן עֶר וֶועט נָאךְ הָאבְּן, ווִי רַייךְ עֶר וֶועט נָאךְ זַיין, ווִי אַזוֹי עֶר וֶועט נָאךְ אוֹיפְבּוֹיעֶן יְשִׁיבוֹת כּוֹלְלִים וְכוּ׳ וְכוּ׳, אַזוֹי חָלוֹמְ׳ט עֶר זִיךְ שֵׁיינֶע חֲלוֹמוֹת מִיט דִמְיוֹנוֹת, אָבֶער דָאס הַרְגְ׳עֶט אִים אָפּ דִי לֶעבְּן, וַוייל דֶערְוַוייל אִיז אִים דֶער הַיינְטִיגֶער טָאג אַוֶועקְגֶעפְלוֹיגְן מִיט גָארְנִישְׁט, אַז עֶר כַאפְּט וֶוען אַרוֹיס עֶפֶּעס גוּטֶע זַאכְן אִין דֶעם טָאג, אַז עֶר גֵייט וֶוען אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אַרַיין דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, וָואלְט עֶר כָאטְשׁ עֶפֶּעס פַארְדִינְט, ווִי דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (יַלְקוּט בָּלָק רֶמֶז תשעא): פּוּנְקְט ווִי אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז טָמֵא אוּן עֶר גֵייט אַרַיין זִיךְ טוֹבֵל׳ן אִין טַייךְ גֵייט עֶר אַרוֹיס טָהוֹר, אַזוֹי אוֹיךְ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז פוּל מִיט זִינְד רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אַז עֶר גֵייט אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אַרַיין, גֵייט עֶר אַרוֹיס פוּל מִיט מִצְוֹת. וַוייל אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס וֵוייסְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט מִיט נִישְׁט, דָאךְ וִויבַּאלְד עֶר גֵייט אַרַיין אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ גֵייט עֶר אַרוֹיס מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע עֲשִׁירוּת, ווִי נִישְׁט הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט אָמֵן, אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא, קְדוּשָּׁה, בָּרְכוּ וְכוּ׳, וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער רַייכְטוּם.

**גֵיי אַרַיין אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ דַאוֶוענֶען**

אָבֶער צוּ דֶעם מוּז מֶען אוֹיךְ הָאבְּן תְּמִימוּת, וַוייל פַארְוָואס גֵייט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ? וַוייל עֶר טְרַאכְט בַּיי זִיךְ: וָואס וֶועט שׁוֹין

זַיין אַז אִיךְ וֶועל זָאגְן אָמֵן? אָדֶער אַז אִיךְ וֶועל זָאגְן אַ קְדוּשָּׁה, וָואס וֶועט שׁוֹין זַיין? אָבֶער דָאס אִיז שׁוֹין לֵיצָנוּת, וַוייל נָאר דָאס וֶועט דִיר בְּלַייבְּן, נָאר דָאס וֶועסְטוּ מִיטְנֶעמֶען.

### קוּק נִישְׁט אוֹיף מֶענְטְשְׁן

עֶס הָאט דֶערְצֵיילְט הָרַב הֶחָסִיד רֶבִּי מֶענְדְל פּוֹטֶערְפַּאס זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען פַאְרשִׁיקְט אִין סִיבִּיר, אִיז זַיין זַאךְ גֶעוֶוען צוּ בַּאעֶרְדִיגְן נִפְטָרִים, וִויבַּאלְד מֶענְטְשְׁן זֶענֶען דָאךְ נֶעבֶּעךְ דָארְט פַארְפְרוֹירְן גֶעוָוארְן אֵיינְס נָאכְן אַנְדֶערְן, אִיז דָאס גֶעוֶוען אַן אַרְבֶּעט, אִיז גֶעוֶוען דִי שְׁטֵייגֶער אַז אִין דִי צַייט וָואס עֶר הָאט צוּגֶעגְרֵייט דִי גְרִיבֶּער זֶענֶען דִי נִפְטָרִים גֶעלִיגְן דָארְט אִין דֶער זַייט, פְלֶעגְט עֶר שְׁטֶענְדִיג זָאגְן, אֵיין זַאךְ הָאבּ אִיךְ דֶעמָאלְטְס בַּאמֶערְקְט, אַז אַ נִפְטָר קוּקְט נָאר אוֹיף אַרוֹיף, עֶר קוּקְט שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף דֶעם אָדֶער אוֹיף יֶענֶעם, עֶר קוּקְט נָאר אוֹיף אַרוֹיף; דָאס דַארְף אַ מֶענְטְשׁ גוּט וִויסְן אֲפִילוּ וֶוען עֶר לֶעבְּט נָאךְ, קוּק נִישְׁט אוֹיף קַיין אַנְדֶערְן, קוּק עֶנְדֶערְשׁ אַרוֹיף צוּם בַּאשֶׁעפֶער נִישְׁט אוֹיף קַיין אַנְדֶערְן, פּוּנְקְט וִוי אַ נִפְטָר וָואס קֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט דְרֵייעֶן רֶעכְטְס אוּן לִינְקְס קוּקְן וֶוער עֶס לִיגְט דָא אוּן וֶוער דָא, אַזוֹי דַארְף אַ אִיד, אֲפִילוּ וֶוען עֶר לֶעבְּט נָאךְ, שְׁטֶענְדִיג קוּקְן נָאר צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

### גֵיי אַרוֹיס פוּן דִמְיוֹנוֹת

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן כה): אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִמְיוֹן אוּן קוּמֶען צוּם שֵׂכֶל. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ זַיינֶע דִמְיוֹנוֹת אוּן פְּלֶענֶער אִין לֶעבְּן, אָבֶער גֶעוֶוענְלִיךְ אִיז עֶס נִישְׁט נָאר אַז עֶס פְלִיט דוּרְךְ עֶפֶּעס אַ דִמְיוֹן עֶפֶּעס אַ פְּלַאן, נָאר דֶער דִמְיוֹן הֵייבְּט אָן אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ אַרְבֶּעטְן אוֹיף אִים, אַז עֶר פַארְגֶעסְט אִינְגַאנְצְן פוּנֶעם אֶמֶתְ׳עְן מְצִיאוּת, עֶר פַארְגֶעסְט אִינְגַאנְצְן אַז עֶס אִיז

דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואס דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער דִמְיוֹן, אָפְּגֶערֶעדְט אַז פוּן דִי אַלֶע דִמְיוֹנוֹת אוּן פְּלֶענֶער לָאזְט זִיךְ גֶעוֶוענְלִיךְ אוֹיס מִיט גָארְנִישְׁט, אַלֶעס וֶוערְט אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערְשׁ פוּן וָואס עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט, אָבֶער אַז אַ אִיד נוּצְט דֶעם שֵׂכֶל אוּן עֶר גֶעווּאוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, פַארְלָאזְט אִים נִישְׁט דֶער בַּאשֶׁעפֶער, עֶר קוּמְט אָן צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶער הִיט אִים אָפּ מִיט נִיסִים וְנִפְלָאוֹת.

### דַיין עֵצָה אִיז נָאר אַנְטְלוֹיפְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער

דָאס זֶעעֶן מִיר יֶעצְט וֶוען דִי מִצְרִיִּים הָאבְן נָאכְגֶעיָאגְט דִי אִידְן, עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַן אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ צְוִוישְׁן דִי אִידְן, אַ טֵייל הָאבְן גֶעוָואלְט צוּרִיקְגֵיין קַיין מִצְרַיִם, אַ טֵייל הָאבְן גֶעוָואלְט מִלְחָמָה הַאלְטְן, יֶעדֶער אִיז גֶעקוּמֶען מִיט אַן אַנְדֶערֶע עֵצָה מִיט אַן אַנְדֶערְן פְּלַאן, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אָבֶער גֶעזָאגְט: לָאזְט אָפּ אַלֶע פְּלֶענֶער מִיט אַלֶע עֵצוֹת, אֵיין עֵצָה אִיז דָא - אֱמוּנָה! הִתְיַצְּבוּ וּרְאוּ אֶת יְשׁוּעַת ה׳ וגו׳ - שְׁטֵייט אוּן קוּקְט אַרוֹיס צוּ דִי יְשׁוּעָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט עֶנְק הַיינְט טוּן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז פוּן אַלֶע זַייטְן וִויל מֶען אִים נָאר דֶערְטְרֶענְקֶען, אִיז דִי עֵצָה נָאר צוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, דָאס אִיז דֶער סוֹד אוּן דֶער שְׁלִיסְל וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ מוֹרָא׳דִיג דֶערְהַאלְטְן אוּן אַנְטְלוֹיפְן נָאר צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

ז.

### אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער הֵייסְט גֵייט מֶען

יֶעצְט הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעהֵייסְן דִי אִידְן זָאלְן פָארְן וַוייטֶער צוּם יַם, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֵייט שְׁפַּאלְטְן דֶעם יַם, מֶען אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם יַם

זֶעט מֶען ווִי דֶער יַם שְׁטֵייט און בּוּזְשֶׁעוֶועט, וָואס טוּט מֶען יֶעצְט? זָאגְן חֲזַ״ל (סוֹטָה לז, ע״א), נַחְשׁוֹן בֶּן עַמִּינָדָב הָאט אַרַיינְגֶעטַאנְצְן און בַּאווִיזְן אַלֶעמֶען אַז אוֹיבּ דֶער בַּאשֶׁעפֶער הֵייסְט גֵיין אִין יַם דַארְף מֶען הָאבְּן אֱמוּנָה און גֵיין, וֶוען דֶער וַואסֶער אִיז שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען בִּיז דִי נָאז הָאט זִיךְ עֶס גֶעשְׁפָּאלְטְן.

## שְׁטֶענְדִיג גֵיין פָאְרְאוֹיס

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן קצח): וֶוען אַ אִיד שְׁרֵייט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, זָאגְט מֶען פוּן הִימְל עֶר זָאל פָאְרְן, ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שְׁמוֹת יד, טו): מַה תִּצְעַק אֵלָי – פַארְוָואס שְׁרֵייסְטוּ צוּ מִיר? דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִסָּעוּ – זָאג דִי אִידְן זָאלְן פָאְרְן. אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג זֶען צוּ גֵיין פָאְרְאוֹיס, עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין נֶעכְטְן קֵיין אֵיידֶער נֶעכְטְן, קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק קוּקְן און אִיבֶּערְטְרַאכְטְן אַז אִיךְ הָאט דָאס גֶעטוּן אִיךְ הָאבּ יֶענְץ גֶעטוּן, נָאר שְׁטֶענְדִיג זִיךְ רוּקְן פָאְרְאוֹיס און אָנְהֵייבְּן פוּן נַיי מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט, דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט דִי וָוארְט בְּרֵאשִׁית, וָואס אִין דִי וָוארְט לִיגְט דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה (עַיֵּין סֵפֶר אַגְרָא דְכַלָּה בְּרֵאשִׁית; וְגַם כָּל הַתִּקּוּנֵי זֹהַר מְיוּסָד עַל צֵרוּפֵי תֵּיבַת בְּרֵאשִׁית), דָאס לֶערְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג מַאכְן אַ נַייעֶ הַתְחָלָה און אַ בְּרֵאשִׁית, שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן נַיי, אוֹיךְ דֶער אוֹת ב׳ דִי עֶרְשְׁטֶע אוֹת פוּן דִי תּוֹרָה וַוייזְט אוּנְז דָאס, ב׳ אִיז פַארְמַאכְט פוּן אַלֶע דְרֵיי זַייטְן, נָאר פוּן פָאְרְנְט אִיז דָאס אָפְן, אַ מֶענְטְשׁ טָאר נִישְׁט קוּקְן נִישְׁט אוֹיף אוֹיבְן און נִישְׁט אוֹיף אוּנְטְן (עַיֵּין חֲגִיגָה יא, ע״ב), נִישְׁט אוֹיף צוּרִיק, עֶר דַארְף נָאר קוּקְן פָאְרְאוֹיס, נִישְׁט קֵיין חִילוּק וָואס אִיז גֶעוֶוען, נִישְׁט קֵיין חִילוּק וָואס וֶועט זַיין, דֶער עִיקָר וָואס מֶען קֶען יֶעצְט טוּן, דַאן הָאט מֶען דִי גְרֶעסְטֶע הַצְלָחָה.

**װען װעל איך שוֹין טְרֶעפְן מַיין שִׁידוּךְ?**

חֲזַ״ל זָאגְן אַז צְוֵויי זַאכְן קוּמְט אָן פַּאר אַ מֶענְטְשׁ אַזוֹי שְׁװער װי קְרִיעַת יַם סוּף, אַ שִׁידוּךְ און פַּרְנָסָה (סוֹטָה ב, ע״א; פְּסָחִים קיח, ע״א). פַּארְוָואס עֶפֶּעס פּוּנְקְט דִי צְוֵויי זַאכְן? נָאר עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ עֶפֶּעס וָואס זָאלְן אַזוֹי צֶעבְּרֶעכְן אַ מֶענְטְשׁ װי דִי צְוֵויי זַאכְן, עֶרְשְׁטֶענְס אַ בָּחוּר אִיז דָאךְ דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ, שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְט עֶר בַּיי זִיךְ, צוּ װעל איךְ נָאךְ אַמָאל חֲתוּנָה הָאבְן? װי אַזוֹי װעל אִיךְ קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְן? װער װעט מִיךְ אֲפִילוּ װעלְן? מֶען צֶעבְּרֶעכְט אִים גוּט גוּט, װער רֶעדְט נָאךְ אַז אַלֶע חֲבֵרִים הָאבְן שוֹין גֶעטְרָאפְן זֵייעֶר בַּאשֶׁערְטֶע, קוּקְט עֶס אִים אוֹיס אַז אִים װעט דָאס שוֹין נִישְׁט גֵיין רַחֲמָנָא לִיצְלָן, און עֶר װעט נֶעבֶּעךְ זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן דֶערְפוּן, אַ בָּחוּר אָדֶער אַ מֵיידְל וָואס וַוארְטְן אוֹיף אַ שִׁידוּךְ אִיז פַאר זֵיי זֵייעֶר שְׁװער, דִי הַארְץ װערְט זֵיי זֵייעֶר פַארְקְרוּמְט פוּן פוּל צַעַר, אוֹיךְ פַאר דִי עֶלְטֶערְן דִי טַאטֶע און מַאמֶע אִיז דָאס זֵייעֶר שְׁװער, זֵיי עֶסְן זִיךְ אוֹיף פוּן צַעַר: װען װעל אִיךְ חֲתוּנָה מַאכְן מַיין טָאכְטֶער? װען װעל אִיךְ חֲתוּנָה מַאכְן מַיין זוּן? אִיךְ טְרֶעף נִישְׁט קֵיין שִׁידוּכִים פַאר זֵיי, קַיין אֵיין שַׁדְכָן מַאכְט זִיךְ נִישְׁט װיסֶענְדִיג!

**אִיךְ דַארְף בַּאצָאלְן...**

פַּרְנָסָה אִיז אוֹיךְ אַזַאךְ וָואס הַרְגְ׳עט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ, אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט צוּ דֶעקְן זַיינֶע גֶעצְוִוינְגֶענֶע גֶעבְּרוֹיכְן אִיז אִים זֵייעֶר זֵייעֶר בִּיטֶער, מֶעגְסְט אִים צוּזָאגְן אַלֶע שֵׁיינֶע הַבְטָחוֹת, לְמַעֲשֶׂה דַארְף עֶר בַּאצָאלְן דִירָה גֶעלְט, עֶר דַארְף בַּאצָאלְן דֶעם גְרָאסֶערִי, דֶעם בּוּטְשֶׁער, שְׂכַר לִימוּד וְכוּ׳, עֶר טְרַאכְט בַּיי זִיךְ, וָואס הָאב אִיךְ פוּן אַלֶע הַבְטָחוֹת און צוּזָאגְן, אִיךְ דַארְף דָאךְ דָאס יֶעצְט הָאבְן.

**אַז מֶען טַאנְצְט אַרַיין קוּמְט דִי יְשׁוּעָה**

לָאמִיר זִיךְ אָבֶער אֵיין מִינוּט גֶעבְּן אַ שְׁטֶעל אָפּ אוּן קוּקְן וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיי קְרִיעַת יַם סוּף? וִוי אַזוֹי הָאט מֶען זִיךְ דָארְט אָן עֵצָה גֶעגֶעבְּן? וִוי אַזוֹי אִיז דָארְט גֶעשֶׁען דֶער גְרוֹיסֶער נֵס אַז מֶען אִיז גֶעהָאלְפְּן גֶעוָוארְן פוּן דִי צָרָה? זֶעעֶן מִיר דָארְט, אַז וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן משֶׁה רַבֵּינוּ זָאגְן פַאר דִי אִידְן צוּ גֵיין פָארְאוֹיס, הָאבְּן זֵיי גְלַייךְ גֶעפָאלְגְט זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען פָארְאוֹיס בִּיז אִין יַם אַרַיין, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקוּקְט אוּן נִישְׁט גֶעטְרַאכְט וָואס וֶועט זַיין וַוייטֶער, אַזוֹי אִיז גֶעשֶׁען דֶער גְרוֹיסֶער נֵס אַז דֶער יַם הָאט זִיךְ גֶעשְׁפָּאלְטְן, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ ו׳, אוֹת יז) שִׁידוּכִים אוּן פַּרְנָסָה אִיז דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וִוי קְרִיעַת יַם סוּף, דָאס הֵייסְט אַז אוֹיבּ מֶען טַאנְצְט אַרַיין, מֶען פְרֶעגְט נִישְׁט קֵיין קַשְׁיוֹת, דֶעמָאלְטְס הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן דִי יְשׁוּעָה קוּמְט צוּ גֵיין, וֶועגְן דֶעם הָאבְּן חֲזַ״ל צוּגֶעשְׁטֶעלְט דִי צְוֵויי זַאכְן צוּ קְרִיעַת יַם סוּף.

**עֶס מַאנְגְלְט נִישְׁט קֵיין שִׁידוּכִים נָאר שֵׂכֶל**

שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ פְרַאגֶע: וָואס הֵייסְט אַרַיינְטַאנְצְן, אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין שִׁידוּכִים? אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין פַּרְנָסָה? נָאר אַז מֶען זָאל קוּקְן מִיט אַבִּיסְל מֶער אָן אֶמֶתְ׳עֶן בְּלִיק, אִיז דֶער פַאקְטִישֶׁער בִּילְד הִיפְּשׁ אַבִּיסְל אַנְדֶערְשׁ פוּן וִוי אַזוֹי דֶער נִיגוּן לוֹיפְט בַּיים צִיבּוּר, אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּיי שִׁידוּכִים, אִיז דֶען נִישְׁטָא קֵיין שִׁידוּכִים? אָפְּן גֶערֶעדְט פֶעלְט דֶען בָּחוּרִים? פֶעלְט דֶען מֵיידְלֶעךְ? בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶס אִיז דָא אַן אִיבֶּערְפְלוּס פוּן בֵּיידֶע אִין דִי שִׁידוּכִים יָארְגַאנְג, דֶער גְרֶעסְטֶער טֵייל זֶענֶען שׁוֹין לֵיידֶער פוּן לַאנְג אִין שִׁידוּכִים יָארְן, בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶס מַאנְגְלְט נִישְׁט קֵיין שִׁידוּכִים, נָאר וָואס דֶען אִיז דֶער אָפְּהַאלְט? לֵיידֶער אִיז דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיין דֶער אָפְּהַאלְט! אַ מֶענְטְשׁ מָאלְנְט זִיךְ אוֹיס אִין זַיין קָאפּ אַ

גְעוִויסֶער סָארְט שִׁידוּךְ וָואס עֶר 'דַארְף' הָאבְּן, אַ גְעוִויסֶער סָארְט נָאמֶען וָואס עֶר 'מוּז' הָאבְּן פַאר אַ שִׁידוּךְ, נוּ יֶעצְט וֶועט עֶר קֶענֶען וַוארְטְן... אָבֶער אַז עֶר וֶועט אַרַיין נֶעמֶען אִין קָאפּ אֵיין זַאךְ: אִיךְ דַארְף רַאטֶעוֶוען מַיין זוּן! אִיךְ דַארְף רַאטֶעוֶוען מַיין טָאכְטֶער! דַאן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן עֶס וֶועט זִיךְ שְׁנֶעל צוּטְרֶעפְן עֶפֶּעס אַ פֵיינֶער שִׁידוּךְ, מֶען וֶועט קֶענֶען שֶׁעפְּן פוּל נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטֶענְס הִילְף, חֲזַ"ל זָאגְן (פְּסָחִים קיג ע"א): בִּתְּךָ בָּגְרָה – אַז דַיין טָאכְטֶער אִיז גְרוֹיס גֶעוָוארְן, שַׁחְרֵר עַבְדָּךְ וְתֶן לָהּ – בַּאפְרֵיי דַיין קְנֶעכְט פוּן דִינְסְט, גֶעב אִים פַאר דַיין טָאכְטֶער פַאר אַ מַאן. חֲזַ"ל זָאגְן נִישְׁט מֶען זָאל זִיךְ וֶועלְן אַ נָאמֶען, זִיךְ וֶועלְן אַ מִשְׁפָּחָה, דִי בְּלִיק פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל אִיז, אַז אֵיינְמָאל עֶס קוּמְט דִי צַייט דִי טָאכְטֶער אִיז אוֹיפְגֶעוַואקְסְן, מוּז מֶען אִיר חֲתוּנָה מַאכְן, אַז נִישְׁט אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער אוּן דוּ וֶועסְט אִיר וַוארְשֵׁיינְלִיךְ פַארְלִירְן, אָפְּגֶערֶעדְט אַז אַ זוּן דַארְף מֶען חֲתוּנָה מַאכְן וָואס שְׁנֶעלֶער.

**דֶער ווִילְדֶער בָּחוּר אִיז גֶעוָוארְן אַ מֶענְטְשׁ**

עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר הָאט זִיךְ בַּאקְלָאגְט אַז עֶר קֶען מֶער נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן פוּן זַיין בָּחוּר'ל, עֶר מַאכְט כְּסֵדֶר שָׁאדְנְ'ס פַאר מֶענְטְשְׁן, דָא בְּרֶעכְט עֶר פֶענְסְטֶערְס, דָא בִּינְדְט עֶר צוּ וֵוייְדְלֶעךְ פוּן צְוֵויי צִיגְן אָדֶער קִיעֶן, אוּן וֶוען דֶער גֵייט אַהֶער אוּן דֶער אַהִין רַייסְט זִיךְ עֶס אָפּ אוּן עֶס וֶוערְט טְרֵפָה, בְּקִיצוּר עֶר מַאכְט גֶעפֶערְלִיכֶע חָרְבָנוֹת, מֶענְטְשְׁן קוּמֶען אַלְץ צוּ לוֹיפְן אִיךְ זָאל זֵיי בַּאצָאלְן אוֹיף וָואס עֶר הָאט אָנְגֶעמַאכְט, אִיךְ קֶען עֶס שׁוֹין נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: דוּ זָאלְסְט אִים נֶעמֶען אוּן חֲתוּנָה מַאכְן, וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַן אַנְדֶער קִינְד! עֶר הָאט טַאקֶע גֶעפָאלְגְט אוּן אַלֶעס הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט, אֵיינְמָאל אַז עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט אִיז עֶר שׁוֹין

גֶעוָוארְן פַארנוּמֶען מִיט זִיךְ, דָא הָאט עֶר גֶעדַארְפְט בְּרֶענְגְן פַּרְנָסָה, דָא הָאט מֶען שׁוֹין גֶעוַוארְט אוֹיף אַ שִׂמְחָה, דָא הָאט מֶען שׁוֹין אַ קִינְד אוֹיךְ, בְּקִיצוּר עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט אִינְזִינֶען גֶעהַאט צוּ מַאכְן קַיין שָׁאדְנְ׳ס; דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אִיבֶּער שִׁידוּכִים.

## עֶס מַאנְגְלְט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסוֹת נָאר שֵׂכֶל

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט פַּרְנָסָה, אִיז דֶען נִישְׁטָא קַיין פַּרְנָסָה? בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶס אִיז דָא גֶענוּג אוּן נָאךְ פַּרְנָסָה! נָאר וָואס דֶען? אוֹיף יֶעדֶע אַרְבֶּעט פָּארְשְׁלַאג טְרֶעפְט עֶר אַן אַנְדֶערְן תֵּירוּץ פַארְוָואס עֶס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר אִים, דָא פַּאסְט אִים נִישְׁט דָאס, דָא פַּאסְט אִים נִישְׁט יֶענְץ, נוּ אַז עֶס פַּאסְט דִיר נִישְׁט דָאס, עֶס פַּאסְט דִיר נִישְׁט יֶענְץ, אַוַודַאי הָאסְטוּ נִישְׁט פַּרְנָסָה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אַנְדֶערְשׁ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, פַארְצֵיילְנְדִיג אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ בַּעַל בִּטָּחוֹן, וָואס יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס אִיז אִים אוּנְטֶערְגֶעקוּמֶען הָאט עֶר גֶעטוּן, עֶר הָאט נָאר פַארְלַאנְגְט מֶען זָאל אִים בַּאצָאלְן גְלַייךְ אוֹיפְן אַרְבֶּעט יֶענֶעם טָאג, הַיינְט הָאט אֵיינֶער גֶעזוּכְט וֶוער עֶס זָאל אִים אִיבֶּערְפַארְבְּן דִי הוֹיז אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ פַארְבֶּער [פֶּעינְטֶער], מָארְגְן הָאט אֵיינֶער גֶעזוּכְט וֶוער עֶס זָאל אִים פַארְרֶעכְטְן אַ צוֹים אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ הֶענְדִימַאן, דֶעם אַנְדֶערְן טָאג הָאט עֶר גֶערֵיינִיגְט אַ שְׁטַאל, אַזוֹי הָאט עֶר יֶעדְן טָאג גֶעהַאט אַן אַנְדֶערְן אַרְבֶּעט אוּן אַן אַנְדֶערְן בִּיזְנֶעס, אֵיינְמָאל אַז עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהַאט גֶענוּג פַארְן טָאג, אִיז עֶר זִיךְ גֶעגַאנְגֶען אַיינְקוֹיפְן עֶסְן אוּן טְרוּנְקְן, אוּן דִי סְעוּדָה אִיז גֶעוֶוען אַ סְעוּדָה, אַזוֹי אִיז עֶר גֶעוֶוען מָלֵא שִׂמְחָה אָן אַ טְרָאפּ דַאֲגוֹת, עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט אַ חַיִּים טוֹבִים, אַ גֶעשְׁמַאקֶע זִיסֶע לֶעבְּן (עַיֵּין בַּאֲרִיכוּת בְּהַמַּעֲשֶׂה מִבִּטָּחוֹן).

**נֶעם וָואסְפַּארַא אַרְבֶּעט דוּ טְרֶעפְסְט**

חֲזַ״ל זָאגְן (פְּסָחִים קיג, ע״א): פְּשׁוֹט נְבֵילְתָּא בְּשׁוּקָא – דוּ זָאלְסְט עֶנְדֶערְשׁ אָפְּשִׁינְדְן אַ נְבֵלָה אִינְמִיטְן גַאס כְּדֵי צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, וְאַל תֹּאמַר כַּהֲנָא רַבָּא אֲנָא – און דוּ זָאלְסְט נִישְׁט זָאגְן אַז אִיךְ בִּין אַ כֹּהֵן גָּדוֹל, עֶס פַּאסְט מִיר נִישְׁט. אִיר וֵוייסְט וָואס הֵייסְט אָפְּשִׁינְדְן אַ גֶע׳פֵּגֶר׳טְן פֶּערְד אָדֶער קוּ, וָואסְפַּארַא שְׁלֶעכְטְן גֶערוּךְ עֶס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דֶעם? דָאס אִיז דִי בִּילִיגְסְטֶע אַרְבֶּעט וָואס קֶען נָאר זַיין, אָבֶּער וִויבַּאלְד דִי הוֹיט דֶערְפוּן קֶען מֶען פַארְקוֹיפְן פַּאר טֵייעֶר גֶעלְט, זָאגְן חֲזַ״ל מֶען זָאל דָאס טוּן אֲפִילוּ אִינְמִיטְן גַאס וואוּ אַלֶע קוּקְן, און נִישְׁט זָאגְן אַז פַּאר אַזַא חָשׁוּבְ׳עֶר מֶענְטְשׁ אַ כֹּהֵן גָּדוֹל פַּאסְט דָאס נִישְׁט דָאס צוּטוּן, פַּאר פַּרְנָסָה דַארְף אַ מֶענְטְשׁ נֶעמֶען אַלֶעס וָואס עֶס לָאזְט זִיךְ.

**מִיט בִּטָּחוֹן וֶועסְטוּ גְרִינְג טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ און פַּרְנָסָה**

דֶערִיבֶּער אִיז דִי צְוֵויי זַאכְן פַּרְנָסָה און זִיווּגִים גְלַייךְ צוּ קְרִיעַת יַם סוּף, צוּ וַוייזְן אַז אוֹיב מֶען נוּצְט בַּיי דֶעם דִי שְׁטַארְקֵייט און בִּטָּחוֹן אַזוֹי וִוי בַּיי קְרִיעַת יַם סוּף, מֶען טַאנְצְט אַרַיין אִין דֶעם אָן קַיין קֻשְׁיוֹת, דֶעמָאלְטְס הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מֶען אִיז מוֹרָא׳דִיג מַצְלִיחַ, מֶען זֶעט אָפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דַאן קֶען מֶען זִינְגֶען שִׁירָה פַּאר דִי מוֹרָא׳דִיגֶע נִסִּים וְנִפְלָאוֹת וָואס מֶען זֶעט, וִוי עֶס שְׁטֵייט בַּיי קְרִיעַת יַם סוּף (יְרוּשַׁלְמִי סוֹטָה פֶּרֶק ה, הֲלָכָה ד), אַז אֲפִילוּ קְלֵיינֶע זֵייגֶעדִיגֶע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעזָאגְט: זֶה קֵלִי וְאַנְוֵהוּ – אָט דָא אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער! אֲפִילוּ אַ שִׁפְחָה הָאט גֶעזֶען אוֹיפְן יַם, מֶער וָואס דֶער גְרֶעסְטֶער נָבִיא יְחֶזְקֵאל – וָואס הָאט אַנְטְפְּלֶעקְט דִי גַאנְצֶע מֶרְכָּבָה עֶלְיוֹנָה – הָאט גֶעזֶען (מְכִילְתָּא בְּשַׁלַּח).

**אַ גְרוֹיסֶע יְרוּשָׁה אָן קַיין שְׁלֶעגֶערֵיי**

דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק רֶבִּי מָאטְל סְלָאנִימֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְּלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן, נָאכְדֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן אַזוֹיפִיל גֶעלִיטְן אִין מִצְרַיִם, יֶעצְט וֶוען זֵיי זֶענֶען שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, הָאט זֵיי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאוִויזְן וִוי אַזוֹי דִי אַלֶע מִצְרִיִים פֶּגֶר'ן, אוּן וֶוערְן דֶערְטְרָאנְקֶן מִיט אַ רֶעכְטִיגֶע טְבִילָה, מֶען הָאט אַלֶע מֵתִים גֶע'טוֹבֵל'ט אִין יַם, נָאכְדֶעם הָאבְּן זֵיי זֵייעֶר גַאנְצֶע יְרוּשָׁה אִיבֶּערְגֶעלָאזְט פַּאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אָבֶּער מֶען הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט גֶעדַארְפְט שְׁלָאגְן אִיבֶּער דִי יְרוּשָׁה, וִוי עֶס גֵייט גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן אַז אֵיינֶער גֵייט אַוֶועק שְׁלָאגְן זִיךְ דִי קִינְדֶער אִיבֶּער דִי יְרוּשָׁה, אָבֶּער דָארְטְן אִיז גֶעוֶוען אַזוֹיפִיל צוּנֶעמֶען אַז וִויפִיל מֶען הָאט נָאר גֶענוּמֶען אִיז נָאךְ אַלְץ גֶעבְּלִיבְּן נָאךְ (עַיֵין שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה פַּרְשָׁה א, פָּסוּק יא), בִּיז משֶׁה רַבֵּנוּ הָאט זֵיי שׁוֹין גֶעדַארְפְט טְרַייבְּן צוּ גֵיין וַוייטֶער (שְׁמוֹת טו, כב וּבְרַשִׁ"י).

## ח.

**מָן הַיינְט צוּטָאגְס**

עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִים סִימָן א, סְעִיף ה), אַז עֶס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע סְגוּלָה צוּ זָאגְן פַּרְשַׁת הַמָן יֶעדְן טָאג, צוּ וַוייזְן אַז פַּרְנָסָה קוּמְט נָאר פוּן בַּאשֶׁעפֶער (עַיֵין בְּטוּרֵי זָהָב שָׁם), פַּרְנָסָה אִיז אַזַאךְ וָואס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ מוֹרָא'דִיגֶע כְּפִירוֹת, עֶס פַאלְט אִים אַרַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער, הֲיִתָּכֵן יֶענֶער הָאט יָא אוּן אִיךְ נִישְׁט? דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז דָאס אִיז סְתַּם אַיינְרֶעדֶענִישְׁן, דוּ הָאסְט אוֹיךְ פַּרְנָסָה גֶענוֹי אַזוֹי וִוי יֶענֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט יֶעדְן מֶענְטְשׁ צוּ עֶסְן יֶעדְן טָאג וִויפִיל עֶר דַארְף, פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי דִי אִידְן הָאבְּן גֶעהַאט אִין מִדְבָּר דֶעם מָן, אַזוֹי קֶען הַיינְט אוֹיךְ יֶעדֶער הָאבְּן מָן, אַז אַ

מֶענְטְשׁ נֶעמְט אִין זִיךְ אַרַיין אַז פַּרְנָסָה קוּמְט נָאר פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אֲפִילוּ דִי אַרְבֶּעט וָואס אִיךְ הָאבּ אִיז אוֹיךְ נָאר פוּן בַּאשֶׁעפֶער, דֶעמָאלְטְס אִיז בַּיי אִים זַיין פַּרְנָסָה אוּן זַיין עֶסְן וִוי מָן (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, נְטִילַת יָדַיִם שַׁחֲרִית, הֲלָכָה ב).

## מֶען מוּז צוּקוּמֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער

פַארְקֶערְט חָלִילָה אַז אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז אַלֶעס וָואס עֶר פַארְמָאגְט אִיז אַדַאנְק זַיין גֶעלוּנְגֶענֶע אַרְבֶּעט, זַיין גָאלְדֶענֶעם קָאפּ אוּן גָאלְדֶענֶע הֶענְט דַאן אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, דָאס אִיז רַחֲמָנָא לִיצְלָן עֲבוֹדָה זָרָה, אוֹיף דֶעם וֵויינְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער (סַנְהֶדְרִין מו, ע"א): קָלַנִי מֵרֹאשִׁי קָלַנִי מִזְרוֹעִי; דוּ מַאכְסְט פוּן מִיר חוֹזֶק וֶוען דוּ זָאגְסְט אַז דוּ הָאסְט אַ גָאלְדֶענֶעם קָאפּ מִיט גָאלְדֶענֶע הֶענְט, וַוייל אַלֶעס אִיז דָאךְ נָאר פוּן מִיר אַלֵיין. וֶועגְן דֶעם לֵייגְט מֶען תְּפִלִין אוֹיף דִי הֶענְט אוּן אוֹיפְן קָאפּ, וָואס אִין דִי תְּפִלִין שְׁטֵייט: שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה׳ אֱלֹקֵינוּ ה׳ אֶחָד. צוּ וַוייזְן אַז דַיינֶע הֶענְט מוּזְן אָנְקוּמֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער, דַיין קָאפּ מוּז אָנְקוּמֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי אוֹיךְ נָאכְדֶעם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שׁוֹין אַ הוֹיז, לֵייגְט עֶר אַ מְזוּזָה בַּיים טִיר, אִין דִי מְזוּזָה שְׁטֵייט: שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה׳ אֱלֹקֵינוּ ה׳ אֶחָד! אִין דִי הוֹיז דַארְף מֶען אוֹיךְ צוּקוּמֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער, חָלִילָה וְחַס אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז עֶר הָאט שׁוֹין אַזַא שֵׁיינֶע הוֹיז אוּן עֶר פַארְגֶעסְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, פְּלוּצְלִינְג רַחֲמָנָא לִיצְלָן מִיט אֵיין טָעוּת גֵייט דָאס אַרוֹיף אִין פְלַאמֶען, אוּן אַז דִי מַצִילֵי אֵשׁ קוּמְט נִישְׁט, רַחֲמָנָא לִיצְלָן גֵייט עֶר מִיט מִיטְן פֵייעֶר צוּזַאמֶען, וַוייל אֲפִילוּ אַז מֶען הָאט שׁוֹין אַ שֵׁיינֶע הוֹיז לֵייגְט מֶען אַ מְזוּזָה, צוּ וִויסְן אַז אִין דִי הוֹיז מוּז מֶען אוֹיךְ הָאבְּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אַ מֶענְטְשׁ מוּז שְׁטֶענְדִיג לֶעבְּן מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער.

## ט.

### וַוייזְן קֶען אִיךְ נָאךְ, קוּק אַרוּיף צוּם בַּאשֶׁעפֶּער

אִין דִי פַּרְשָׁה שְׁטֵייט אוֹיךְ דִי מִלְחָמָה מִיט עֲמָלֵק, וָואס אִיז דֶער גַאנְצֶער כֹּחַ פוּן עֲמָלֵק? אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען סְפֵקוֹת אִין אַ מֶענְטְשׁ, ׳הֲיֵשׁ הֲוַיָ״ה בְּקִרְבֵּנוּ אִם אָיִן׳ - אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶּער טַאקֶע מִיט מִיר אָדֶער נִישְׁט (שְׁמוֹת יז, ז). עֲמָלֵק בַּאטְרֶעפְט וְוִיפִיל סָפֵק, עֶר זוּכְט נָאר וִוי עֶר קֶען אָפְּקִילְן אַ מֶענְטְשׁ, וִוי עֶס שְׁטֵייט (דְבָרִים כה, יח): אֲשֶׁר קָרְךָ. עֲמָלֵק קִילְט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט סְפֵקוֹת אִין דִי אֱמוּנָה, סְפֵקוֹת אִינֶעם צַדִיק, וֶוער זָאגְט דִיר אַז עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי וִוי דֶער צַדִיק זָאגְט? דָא קוּמְט אַרַיין דִי אַלֶע מַחֲלֹקֶת וָואס אִיז דָא פוּנְדְרוֹיסְן אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, וִוי אוֹיךְ אֲפִילוּ אִין בְּרֶסְלֶב דִי מַחֲלֹקֶת וָואס אִיז דָא אוֹיף דִי אֱמֶתְ׳עֶ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידִים, דָאס אִיז אַלֶעס דִי אַרְבֶּעט פוּן עֲמָלֵק, וָואס עֶר הָאט אֵיין צִיל אָפְּצוּקִילְן דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן אִים צֶעבְּרֶעכְן, דֶערְפַאר אִיז דָאס אַזַא שְׁוֶוערֶע מִלְחָמָה, אַזוֹי וַוייט אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט שׁוֹין אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעקֶענְט רֶעדְן מִיט קַיין וֶוערְטֶער, עֶר הָאט נָאר אוֹיפְגֶעהוֹיבְן דִי הֶענְט אוּן גֶעוִויזְן מֶען זָאל אַרוֹיפְקוּקְן צוּם בַּאשֶׁעפֶּער (רֹאשׁ הַשָּׁנָה כט, ע״א; וְעַיֵּין בְּתּוֹסְפוֹת יוֹם טוֹב), וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ז, אוֹת י): אַמָאל קֶען שׁוֹין דֶער חָכָם גָארְנִישְׁט רֶעדְן, וַוייל וְוִיפִיל עֶר זָאל נָאר פְּרָאבִּירְן צוּ רֶעדְן אוּן מַסְבִּיר זַיין וֶועט מֶען הָאבְּן אַנְדֶערֶע קֻשְׁיוֹת, וָואס טוּט עֶר דֶעמָאלְטְס? עֶר וַוייזְט מִיט דִי הֶענְט רְמָזִים.

### בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ בְּלַייבְּן בַּיים רֶבִּי׳ן

וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן בַּיים רֶבִּי׳ן, אוּן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל זִיךְ טַאקֶע קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אוּן פָאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן בִּתְּמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת.

**תַּם וְנִשְׁלָם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם**

# הספר
# הקדוש הזה

נדפס לטובת נשמת בעל מחבר

של הספר הזה מאור עינינו,

חיות נפשינו, עטרת ראשינו, כבוד

קדושת מרן הגה"ק רבי

# אליעזר שלמה

בן רבי

# מנחם זאב

זצוקללה"ה

נלב"ע י"ז שבט תשע"ה

**ת.נ.צ.ב.ה.**

כמה מעלות טובות

# מעשה'לעך

# היסטארישע דורכברוך

אין די וועלט פון ערליכע

## אידישע ליין מאטריאל!

ערליכע מעשיות דערציילט
דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א

- מעשה'לעך
וועט אריינבאקן
אמונה אין די
קינדערלעך

- מעשה'לעך
וועט אויפבויען
די דרך ארץ און
מידות טובות ביי
די קינדערלעך

- מעשה'לעך
וועט איינ-
געוואוינען
רעדן צו און
פונעם איבערשטן
די מיילער פון די
קינדערלעך

- מעשה'לעך
וועט ווייזן די
ריכטיגע וועג פאר
אייערע קינדער
צו זיין ברסלב'ע
קינדערלעך




די מעשה'לעך קינדער ביכל וועט בעזר ה' זיין צו באקומען
אין די נאנטע טאג ביי די מפיצים און ביי די קרן הדפסה.

קחו ברכה אל תוך בתיכם!